STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03381

IN TRIT FUN DAYN VANDER

Yehoshua Monik Lederman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. מאַניק / אין טריט פון דיין וואַנדער

Tc. 2 18

י. מאַניק

אין טריט פון דיין וואנדער

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פונעם וועלט-צענטער
פון יידישן פען-קלוב, ניו-יאָרק
1964 — תשכ"ד

פון זעלבן מחבר:

מעטאלענע קווייטן, לידער — תל־אביב, 1935

איך, פּאָעמע — חדרה, 1941

טריט אין באַגינען, חיפה, 1955

ווערט געגרייט צום דרוק:

אין מיין גלעזערנעם טורעם, משל און סאטירע

Joshua Manik (Lederman)
IN TRIT FUN DAIN WANDER
Copyright by the Author

נדפס בישראל, תשכ"ד
Printed in Israel, 1964
דפוס „אורלי", ת"א

*

לויטן אָפּקלייב פֿון די לידער, וועט דעם לייענער נישט לייכט זיין אָנצונעמען, אַז דער בוך איז דורכויס המשך פֿון מיין לעצטן בוך „טריט אין באַגינען".

אויב אַ גאָר היבשער טייל לידער דאָ וועלן אים דערמאָנען אין די סעריעס: „אָאַזיס", „לויטערע וועגן", „סוד פֿון אַ שטיין" אאַנ"ד, ברייננג איך אַריין אין דעם בוך אויך לידער פֿון גאָר אַן אַנדער תּוכן, ווי אויך, וואָלט איך געוואַגט צו זאָגן, פֿון גאָר אַ נייעם זשאַנער. איך מיין אין דעם פּרט די סעריע קאָסמישע לידער „שטערן־לאַנדשאַפֿט", וואָס שורשט נאָך אגב אין „מעטאַלענע קוויטן".

צוליב געוויסע טעמים, דרוק איך דאָ איבער אייניקע לידער פֿון מיינע פֿריערדיקע ליד־זאַמלונגען: „ים, ים, ים" (דאָ: „זעקס בחורים פֿאַרטאָג באַם ים"), „אַ פֿעלז", „מיט זילבערנע, מיט טעלעסקאָפּ־טרומייטן", „די זונען פֿון מיין חלום", און E. S. B. (דאָ: „הונדערט צוואַנציק שטאָק אַ ריז").

די ביי־סעריע „ניו־יאָרקער הימל" געהערט צו די לידער געשריבן אין ניו־יאָרק אין די יאָרן 1930—34, איידער מיין קומען קיין ארץ־ישראל. דאָס ליד „אין טאָג פֿון נצחון", די באַלאַדע „וואָס דער באַרג דערציילט", די פּאָעמע „נאָכן פֿייערשטורעם", ווי אויך דאָס ליד „אין טראַכט פֿון כאַאָס" זענען געשאַפֿן געוואָרן במשך די לעצטע מלחמה־יאָרן, 1942—1944.

דאָס אַנטדייטשמעריש ן די ליטעראַרישע שפּראַך, גלויב איך, דאַרף געטאָן ווערן יסודיק און אָן וואַקלעניש. נישט ווי מיר טו־ען: מיר פאַרשיטן דאָ־דאָרט אַ וואַסער־גריבל. די פאַרפּלייצונג אַליין לאָזן מיר איבער... איך האָב דעריבער זיך דערלויבט אָפּצו־טרעטן פון דעם געוויינטלעכן אויסלייג ביי אַ קלענערער צאָל ווערטער לשם אָנדייט. ס'איז שוין לאַנג צייט, אָבער קיינמאָל ניט שפּעט, צוריקצוקערן די ליטשפּראַך צו'ן איר פאָלקסטימלעכן מקור...

דאָס צעטעכלען און צעשפּליטערן ווערטער (אַ הינטער, פון דעסט וועגן, פאַר טאָג. פאַרוואָס ניט שוין אויך: בוים איל, קינד בעט שטאָט בוימל, קינפּעט?) האַלט איך פאַר אַ באַזונדער אָנ־שיקעניש אויף אונזער אַזוי אויך שווער־געפּרוווטן און שווער זיך ראַנגלענדיקן מאַמע־לשון. ווי אַ מאָדערנע שפּראַך, דאַרף יידיש שטרעבן צו וואָס מער פשטות און נישט — פאַרקאָמפּליצירט ווערן.

י. מ.

פון טאטנס בעכער

מיין פאָטער

פאַרטראָגן אין אַ וועלט פון רוחניות געוואַלטיק,
געווען איז ער אַ פעסט־געבויטער און געשטאַלטיק.

אי מילד אי שטרייננג דער בלויער גלאַנץ פון זיינע אויגן,
די באָרד, ווי מיט אַ גרויען וואָלקנדל פאַרצויגן. —

אַ שטאַם פון יידן בעסאַראַביער, וועמענס שפּורן
פאַרלירן זיך באַם האָריזאָנט פון מיין זכרון...

אַ סברה אַז דער עלטערזיידע, דער לעוואָנקער,
מיט פישפאַנג אויף די טייכן האָט געהאַט אַן אָנקער.

געווען, זעט־אויס, אַ פּראָסטער ייִד. נאָר ס׳איז דעם זיידן
באַשערט געווען דער זכות (זאָל רוען אין גן־עדן):

ער האָט איין שיינעם טאָג זיין עלטסטן זון באַפוילן
צו פאָרן תורה לערנען אין מדינת פוילן.

דער זון — געקומען צריק אַ חסיד פונם גערער.
און ווען ער פלעגט מיך ברייננגען צו דעם אַלטן שערער,

האָט יענער שוין געדיינקט זיין אָנזאָג, אַז סע טאָר נישט
פון מיינע פּיאהלעך געמינערט זיין קיין האָר נישט...

פלעגט דאַווענען מיט פלאַטערניש, נאָר אָן העוויות.
גאַנץ אָפט אין קלויז מיך מיטגענומען צו משניות —

בּאַ גראָשן־ליכט זיך פילפּלען ייִדן מיט אַ ניגון,
און איך — געהיט די שאָטנס אויף די ווענט זיך וויגן...

נאָר אָפט באַם נעסטער פלעג איך שטיין אַ ווילד־פאַרגאַפטער:
ווי ס׳קאָן דער טאַטע אויפן וואַסער לייגן קלאַפּטער...

ווי לויטער איז געווען

ווי לויטער איז געווען דאָס געשטאַלט
פון זיידן מיינעם און פון עלטערזיידן.
נאָר דיך, מיין פאָטער, זע איך אַלץ
געלייטערטער פוןביידן...

און כאָטש איין ווייסע, פרילינגדיקע נאַכט
פאַרלאָשן איז דיין ליכט אונז, דיינע בנים,
דעם אָפּשיין, אַ פאַרבליבענעם,
איך טראָג אים אויף מיין פנים.

איך שפּאַן־אַרום פאַריתומט אין דעם הויז,
ווו ביסטרע ס'האָט דער טויט געטאָן אַ פינקל.
אַוווּ איך טוּ זיך נישט אַ קער —
פעלסט־אויס אין יעדן ווינקל.

עס פאַלט דער בין־השמשות צו אָן דיר
און ס'טוען איינס צום אַנדערן געניינען
די שאָטנס דאָ. און ס'דאַכט זיך מיר,
אַז אַלץ — נאָך דיר טוט וויינען.

סע וויינט דיין שטול — דער אויבנאָן ביים טיש,
סע וויינט דיין שטאָק אין ווינקל קעגנאיבער,
סע וויינט דער אַלטער ספרים־שאַנק,
באַ דיר — פון אַלצדינג ליבער.

אַנטשוויגן איז דיין שטים דאָ, וואָס צעגליט,
אויף קינדער פלעגט אַזש אָנוואַרפן אַ מורא,
ווען אַ געפעדערטער קאַיאָר,
געדינט האָסטו דעם בורא;

דיין שטים, וואָס האָט געשטראָמט עלהיי אַ קוואַל
און מיט נגינה בייגעשטאַנען תמיד;
דיין שטים, וואָס אויפגיין פלעגט באַהאַרצט
יום-טובים פאַרן עמוד. —

אין שליחות פון אַ ציבור, וואָס מיט פיין
באַלאָדן איז, זיך טוליעט צום בעלעמער,
צעוועקט זיך האָפערדיק דיין שטים:
אָט חדווהדיק צעזמרט,

אָט אויפגעברויזט צו שטורעמען מיט גוואַלט
די טויערן פון רחמים און מחילה...
און אָט פאַרלאָפן מיט אַ טרער
אין עצבות-טענער שטילע,

און אָט מיט בײנקשאַפט בילדערט דעם אַמאָל, —
און אַלץ באַגלייט פון זינגערלעך אַ קרענצל.
נישט זעלטן אויך באַם רבינס טיש
צעיובלט אין אַ טענצל.

נאָך בלויט אין מיר

נאָך בלויט אין מיר דער פלאַם פון דיין נגינה,
און אָפטמאָל, ווען סע טויכן־אויף פון טיפעניש די טענער,
פאַרטראָגט, אַן אָנגעצינדענער, מיין דמיון מיך
אין געטאָס, ווו סע בושעוועט די מאָרדלוסט:

פאַרטראָגט מיך ווייט —
צו'ן אַ לבנהדיקער סדר־נאַכט אין בבל,
ווו איך שפּאַציר־אַרום אין געסעלעך צעניגונטע...

און גאָר אַמאָל פאַרפירט מיין דמיון מיך
צום הר־הבית...

ס'איז יום־הדין.
דאָס פאָלק פאַרזאַמלט שטייט אין דער עזרה,
פאַרהערט אין דעם געזאַנג פון די לוויים
ווי זיי באַגלייטן
דעם סדר פון דער הייליקער עבודה.

אַ פאַרכטיקער אַנטשטיל באַהערשט דאָס הויז פון גאָט,
ווען ס'בעט דער כּוהן־גדול פאַר דעם פאָלק,
און אָט — אַ בליץ געטאָן אַלמעכטיק האָט אַ וואָרט, —
דער שם, אַרויסגעבראַכט פון מויל פון כּוהן־גדול,
און ס'פאָלק אין ציטערניש פאַלט כּורעים,
זיך ביקנדיק פאַר גאָט,
ווי דו אין שיינקייט הייליקער באַם עמוד,
ווען ס'פלעגט דיין קול,
פון יעדן קלאַנג, פאַרלוירענעם אין תהום פון שיכחה,
ברייננגען מיר אַן עכאָ.

תשעה־באב

א

ס׳האָט אויפגעוואַכט אוראַלטער טרויער,
פאַרשאָטנט די הייזער די געסלעך.

מיר האָבן פאַרפאַסט מיטן זונפאַרגאַנג.
דער טאַטע, אין וואָכעדיק בגד,
נעמט דאָס סידור זיינס אונטערן אָרעם,
און מיך — באַ דער האַנט
און מיר איילן אין שיל אַריין.

אין שיל — שוין דער עולם פאַרזאַמלט,
און שווייגנדיק, ערנסט
זיך אויסגעזעצט נידריק צום דיל אין די זאָקן,
מיט ליכטלעך אין זשמעניעס געצינדן
און וואַרט.

איבער אַלץ אַזאַ פאָרכטיקע שטילקייט.

דער טאַטע גיסט־אָפּ זיך די הענט באַ דעם האַנטפאַס,
מיט געמאָסטענע טריט גייט צום עמוד.
ער גאַרטלט אַרום זיך
און זעצט זיך אויף שטיגן,
צופיסנס פון ארון הקודש.
און איך, אַזאַ שיימעוודיקס,
טוליע זיך שטיל באַ זיין זייט...

אין שיל ווערט איצט שטילער נאָך, פאָרכטיקער.
דער טאַטע קלאָגט־אויף: איכה ישבה...

ב

הערסט דעם טאַטן
זאָגן איכה
פאַרן עולם —
שאַטנס בלייכע,

טויכן-אויף
די גרוילע יאָרן
פון אַמאָל
אין דעם זכּרון

פונם פאָלק,
וואָס איז פאַרוואָגלט,
פול מיט פיינען
אָנגעלאָגלט. —

הערט מען קולות,
פאַלן שטאַמען.
ס׳שטייט דאָס הייליק
הויז אין פלאַמען.

און די קרוין —
אין שטויב צעבראָכן,
הפקרדיק פאַר
טויזנט יאָכן!

הערסט דעם טאַטן
זאָגן איכה
פאַרן עולם —
שאָטנס בלייכע,

און זיין אויג
קוואַלט-אָן מיט טרערן
ריינע, פאַלנדיק
ווי שטערן,

זעט ער אויסעט
ביז צום שטוינען
גאָר אַליין
ווי דער מקונן...

דער טאַטע זינגט אַ וואַלעך

אַז דער טאַטע
זינגט אַ וואַלעך,
מיינסטו, אַז
דאָס זינגט אַ מלאך.

קאָפּ צום הימל
אויפגעבויגן,
און מיט צוגעמאַכטע
אויגן,

הערט נישט אויף
באַם טיש זיך וויגן,
טיף אַריינגעקלערט
אין ניגון,

אין זיין יעדן קנייטש,
זיין ריינקייט —
ביז ער ברייינגט-אַרויס
די שיינקייט

מיט די אַלע
זיבן חנען. —
דאַכט זיך דיר,
אַז פעלקער וויינען...

ס'ווײַנט די עלנטקייט
פֿון טרוימען
אין אין־סופֿן
פֿון די רוימען...

טאַטע האַלט,
אַז מיט נגינה,
ווי מיט חכמה,
און מיט בינה,

שטײַגט דער מענטש
איעדער רגע
פֿון מדריגה
צו מדריגה

צו די עולמות
די הויכע,
וואָס דער צדיק
איז נאָר זוכה...

אַז דער טאַטע
זינגט אַ וואָלער,
מײנסטו, אַז
דאָס זינגט אַ מלאך...

באַ דער ראַדיאָ

נאָך היינט הויערט די שולד אויף מיין אַקסל
וואָס איך, אין שיכּרות פון מיין יִינגשאַפט,
האָב ווידערשפעניגט דיין אויסדערוויילטקייט.

דורך אַלע טויערן פון באַדויער
קומסטו ווידער צוריק.

דו טרעטסט־אַריבער מיין שוועל
און שאַרסט זיך נענטער צו נגינה...

דו הערסט מיט חידוש:
„פעלקער זינגען..."

נאָר מיטן אויסלעש פון די טענער,
לעשט זיך אוים דיין געשטאַלט.
און לאַנג פאַרפאָלגט מיך
דער פאַרוווּנדיקטער שטאָלץ פון דיין בליק...

דערמאָנונג

איך בין טרויעריק איצט.
איך האָב זיך דערמאָנט דאָס געשטאַלט,
וואָס אַן אָפּצווייג בין איך פון זיין בלוט,
און צוריקגעקערט האָט זיך צו עפר.

זיך דערמאָנט אין די זומער־נאָכמיטאָגס,
ווען איך פלעג מיט חברים זיך שפּילן
אין הויף פונם חדר
און פּלוצלינג —
אָט קומט־אָן דער טאַטע!

דאָס האָט ער פאַרביינקט זיך מסתמא
און ס׳טראָגט אים די ביינקשאַפט אַהערצו, אַ קיק טאָן
ווי ס׳גייט מיר אין חדר.

סאַראַ פרייד־ קער אויפברויז סע פלעגט מיך אַ צינד טאָן,
ווען דערזען אים פונווייטנס,
און זיך לאָזנדיק לויפן אַקעגן —
מיין פרייד פלעגט באַגעגנען די ליבשאַפט,
אַרויסגעשטראַלט תמיד פון אים,
מיין ליכטיקן פאָטער.

און ווען איך ווער מיד

און ווען איך ווער מיד פון מיין וואַגל-און-וואַנדער,
איך קער זיך אום צריקוועגס, צום ייִנגן אַמאָל, צו מיין קינדהייט.
דאָ קוואַלן גאָר אַנדערש די טעג.
דאָ שמייכלט מיר ווידער די וועלט אַזוי לויטער,
פּלאַי-פּלאַים!

און ס׳ריזלט אַ ניגון אַרויס פון די טיפן.
דער ניגון פאַלט-צו צו די ווענט פון מיין צימער
און פאַרבט זיי מיט יום-טוב...

ס׳איז ערשטער טאָג פסח.
און יום-טובדיק שיינט די פּרימאָרגן-זון,
זיפּט אירע שטראַלן אַריין דורך די פענצטער,
מיט פוירהאַנגען נייע באַהאָנגען.
איך קאָן קוים באַגאַפן די קווייטן, אוזאָרן,
דעם פאַסטעך, וואָס טרייבט זיינע שעפּסן צום ברונען...

בין אויסגעפּוצט נײַ אין גאַרניטערל מיינעם,
אין נײַ־ינקע שיך און קאַשקעטל —
און קאָן זיך אַליין קוים דערקענען אין שפּיגל...
אָ ווער קאָן צו מיר זיך היינט גלייכן...
מיט אומגעדולד כ׳וואַרט אויפן טאַטן.
מיר גייען אין שיל אַריין דאַווענען.

אַ בילד פון ייִנגע טעג

אַ בילד פון ייִנגע טעג איז זיך מתעורר,
ווען כ׳בין געווען באַם טאַטן אַ משורר:

אַט שטייען אַלע זינגערלעך אין עיגול
באַם ארון־קודש, אונטער זיינע פליגל...

כאַטש טיף פאַרדווייקעט, ריטמיש זיין געשאָקל,
דער טאַטע האַלט אַן אויג אויף זיין בענאָקל...

איך זאָל זיך נישט פאַרטאָיען, נישט באַמיען
צו קיקן אויף די פייגעלעך, וואָס פליען־

אַרום דאָ פון איין פענצטער צו דעם צווייטן
און צוויטשענדיק די תפילות זיי באַגלייטן.

(זעט־אויס, געווען זיי ליב אין זייער לידן
צו דאַווענען בציבור מיט די ייִדן...).

כאַטש נאָכגעפאָלגט פון עולמס שאַרפע אויגן,
וואָס האָט זיין יעדן ווענד־און־קער געוווּיגן,

געפינט דער טאַטע צייט — און אונטעריקן
ער פלעגט זיין מחזור מיר, כדי אַריינצוקיקן

איך זאָל אָן מינדסטער שטערונג און חלילה
אַ וואָרט נישט איבערהיפּערן אין תפילה.

נישדאָיקער מענטש

ווי קאָן אַ נישדאָיקער מענטש,
אַ ייִד אַזאַ האָבן געזינדיקט,
ווען ס׳איז זיין נשמה אַ פלאַם;
זיין גוף — ווי אַ דאָרנבוים צינדיק.

און אויפגעוועקט טיף אין דער נאַכט
פון שמש, געטריי דער מסורה,
ער פעדערט זיך גרינג ווי אַ לייב
און איילט צו עבודת הבורא.

און איידער אין שיל אַריין קומט
צו תיקון פון חצות און צו תפילה —
סיי זומער, סיי ווינטער אין בלענד
פון שניישטורעם איילט ער צו טבילה.

אַז מען רופֿט, דאַרף מען גיין

א

„אַז מען רופֿט, דאַרף מען גיין",
פֿלעגט זאָגן דער טאַטע
אין די טעג פֿון זיין שקיעה.

„נישט אין שאָטן פֿון עצבֿות
דאַרף מען גיין, ווען מען רופֿט,
נאָר מיט שׂימחה.

מיט וויין פֿון געזאַנג
די ליפּן באַנעצן
און אויף סטרונעס באַגלייטן
אַ לויב צום באַשעפֿער...

ווי אַ שטראָם אויף זיין אומוועג צום ים,
טאַנצנדיק איילט איבער פֿעלזן;
ווי אַ וואָגלער אַהיימוועגס צוריק פֿון זיין וואָגל,
דאַרף מען גיין, ווען מען רופֿט".

ב

ווי אַ פֿויגל אין וואַלד, אַ פֿאַרליבטער,
וואָס זינגט־אויס זיין בייַנקשאַפֿט
ביז זיין האַרץ שטעלט זיך אָפּ,
און ער פֿאַלט פֿון די צווייגן,

אַזוי אויך האָסטו זיך תּהילימדיק דערזינגען
צו דיין לעצטיקער רגע
און זיך אַריינגעזונגען אין אחדות־הבורא.

איצט, ווען דיין קול איז געוואָרן ליכט,
קאָן איך דיך הערן
אין געזאַנג פֿון די שטערן.

סאָכער דיאָרדע

באַם עק פון שטאָט ווו ס'האָט געוווינט אַ גאַנצע אָרדע
„געמיינע לייט", טויכט-אויף דער אַלטער סאָכער דיאָרדע.

אַ ייִד — אַ ריז. שוין אין די ניינציקער. זיין פּנים
דערמאָנט דעם ווילנער גאון, כאָטש קיין מחותּנים

נישט אָנגעקערט זיך לויט דער לומדות און דעם יחוס...
נאָר יאָרנלאַנג ווי ער אין שטאָט פירט-אויס זיין שליחות:

גייט-אום אין שבתדיקע, הייליקע פאַרטאָגן
פון שטוב צו שטוב „די קינדער" וועקן תּהילים זאָגן.

אַ ווינטער-נאַכט. אין דרויסן שניי-און-שטורעם הוליעט.
סע שלאָפט דאָס גאַנצע הויז אין וואַרעם איינגעטוליעט.

און פּלוצלינג — פּויק אין פענצטער און אַזאַ געהיימע
און טרויעריקע שטים יאָגט-אָן אויף אונז אַן אימה.

צערידערט און צעוועקט אונז פון די טיפסטע טרוימען,
און אויסגעצויגן רופט: „שטיי-אויף צום תּהילים, שלמה * !".

זיין טיפע עלטער, אומדערשראָקנקייט, זיין מרץ
אַרויסגערופן האָט באַ אַלעמען דערכערעץ.

און אפשר גאָר געווען, פאַרהוילן פון די בליקן —
אַ זינדיקע נשמה, זוכנדיק אַ תּיקון...

* מיין פאָטער.

בן־ציון שוחט

א

ס׳איז גוט, ווען ס׳קומט אזא מינוט: פון קברדיקן שטויב
סע שטייען־אויף די לאַנג־פאַרגעסענע געשטאַלטן!
בן־ציון שוחט איז געווען אַ ייִד — אַ שטילע טויב,
און ווייט פון וואָכעדיקן טומל זיך געהאַלטן.

אַ לויטערע נשמה. ס׳האַרץ מיט ליבשאַפט אָנגעקוועלט,
און נאָר געזוכט אַוועמען העלפן, טאָן אַ טובה.
און וועמען טובות טאָן האָט גראָד אין שטעטל ניט געפעלט:
אַן „אָפּגעגעבנער" דאָ, און דאָרט אַ ווייטע קרובה...

און דאָ אַ באַלעבאָס — אַ יורד, הינגערט אינדערשטיל
און ס׳שטייט נישט אָן אים צו באַקלאָגן זיך פאַר ווײַמען.
בן־ציון שיקט זיין הילף בסתר, מיט זהירות פיל,
כּדי חלילה נישט באַליידיקן, פאַרשיימען.

אַווו האָט ער גענעכטיקט און געטאָגט, אין וועלכן הויז
דעריאָגט האָט אים באַלוין פון הינגער־טויט, דעם שענדער,
אין יענע טעג, ווען ס׳האָט די היטלערישע פלעדערמויז
איר ברוינעם פליגל אויסגעשפרייט אויף לענדער?

ב

אַליין אַ תּלמיד־חכם און אַ הדרת־פּנים,
געשמט סע האָבן זיינע טעכטער, זיינע בנים

אין שטאָט מיט זייער שיינקייט. און דער עלטסטער, דויד,
מיט מיר — חברים זענען מיר געווען בכּבוד.

צוזאַמען זיך געלערנט, און געטרוימט צוזאמען.
ווען יעדערער פון אונז — אַוועק פון טאַטע־מאַמען,

מיר האָבן אומגעריכט זיך ערגעץ־ווו באַגעגנט
אויף פרעמדע קאָנטינענטן, ווייטע מידבר־וועגן...

דערנאָך זיך דורכגעבריוולט און די וועלט באַשריבן,
און ביז אויף היינט חברים זענען מיר געבליבן.

מײַן פֿאָלק

שטייסט אויפֿן שוועל פֿון עולם-הזה,
קיינמאָל נישט ווייט און נישט נאָנט...

אַ גאָלף-שטראָם.

דער פּלאַם אינם פֿאַקל פֿון דער פֿרייהייט-געטן.

אַ מאַגנעט פֿאַר ווי אַן אומגליק...

אַ שׂריפֿה אין וואַלד פֿון דער נאַכט.

אַ וואַנדער-פּלאַנץ.
נאָך איידער פֿאַרטריקנט „היינט — דאָ",
צעבליסטו זיך „מאָרגן — שוין דאָרטן"...

אַ קאָמעט
צווישן פֿעלקער — פּלאַנעטן.

אַ דימענט-שלייפֿער,
וואָס אַליין בלייבט ער באַם שטויב...

מיטן קאָפּ געצילט צו די שטערן,
זינקען דײַנע טריט אינם חושך.

אַמאָל — גאָלע ווונד.

נאָר מיט יעטוועדן טאָג,
אין קלעם צי נצחון,
בלײַבסטו דער זיגער.

ב

אַ בוים — אַ זקן,
צעצווייגט איבער לענדער.

נאָך יעדן שטורעם
שטייסטו מיט צעבראָכענע צווייגן
אין אומענדלעכער דביקות
פֿאַרקיקט אויף די שטערן...

אַ גאָרטן פון פרייד

איך האָב אַ גאָרטן פון פרייד
געפלאַנצט אין דיין נאָמען,
און אַ טעמפל דיר געבויט,
די ווענט, ווי ים-כוואַליעס בלויע.

און אַ מזבח האָב איך
אין זיין מיט אויפגעשטעלט,
ווו איך בין „כוהן-און-קרבן",
כאָטש איך האָב דיך קיינמאָל נישט געזען.

און איך זינג-אַרויף צו דיר מיין עלנט...

און ווען דער טאָג פאַרגייט,
ווערן דיינע הייכן — תהומען,
און מיין תפילה פאַרקלינגט
אָן אָן עכאָ.

דיין נאָמען

דיין נאָמען
איז דאָס אויג פון מיין האַרץ.
איך גיי דיר נאָך
ווי אַ שאָטן אין די טאָלן.

דו שטעלסט זיך אָפּ
צו היטן מיין שלאָף,
ווען איך דרימל־איין אַ מידער.

ביז דו אַליין ווערסט מיד
און ביסט מרמז, אַז איך קאָן דיך פאַרלאָזן...

דו נייגסט צום פאַרגיין די זון אין מיין לשון,
איך זאָל ווי אַ שטראָם
זיך אַריינגיסן, פאַרשווינדן
אין די ימען.

נאָר ס׳בלויט דיין גנאָד איבער מיר,
ווען מיין גלויבן,
שטאַרקער פון מיר,
פירט מיך אויפן וועג צו דיין מיקדש...

גרינער נס

צפת

א

שטיפערלעך — ווינטלעך
קומען צו דיר אין אַלטמאָדישן טאָג.
זיי בלעטערן שטילקייט,
ווו דו ביסט אַריינגעשוויגן,
און פאַרגעסן פון צייט און געווירבל —
דו וואַרטסט...

ב

ביסט געקליידט, צפת,
אין טינקעלן פלאַם פון מסתורין.

מלכותדיק טראָגסטו
אין מיט פון געבירגיקן פעכער,
און זוכסט אַלץ מיט דאָרשטיקע בליקן
אין נעפּליקע ווייטן...

פאַרנאַכט גייט דיין שאָטן אַוועק
אין כינרת זיך טובלען.

איבער דיר, אין די חצותן,
אין גרינעם באַטוייִקטן כתר,
וואַכט די „מצודה".
לבנה-הירש היפּט
אויף די שפּיצן פון ביימער.
און ס'דרימלט כינרת צופיסנס —
אַ סוד ווו ס'וווינען איצט לידער.

ג

ס׳נעסטיקט נאָך פרומער פּאַרציייטישער דלות
אין געסעלעך דיינע.

אין שיל פון אר״י
איז דער ארון-קודש, פון שוואַלבן געשליפן,
אַ גרויער געוואָרן פאַר צרות...
אַ ווינט מישט אַ תהילימל אויף
און זאָגט אַליין תהילים...

אַ זקן
מיט וואָלקנדיק פנים
באַם טויער,
געבויגן ער שטייט דאָ — אַ זיפץ...
שוין וויפל יאָרהונדערטער
זוכט אַליץ דעם שליסל
פון שבתדיק מלכות...

חיפה

זעסט אוים אין די נעכט
ווי אַ שטראַליקער טעמפּל.

באַם כּרמל־וואַנט גלימערט
דער ארון הקודש...

איך קלעטער אַלץ העכער
אַרויף מיט די שטעגן.
זיי פירן צום עמוד,
צעלויכטן מיט טויזנט מנורות...

דאָ קוועלט־אָן באַוווּנדער
מיט זאַפטן פון שירה.

איך שיק מיין געבעט
אין די נאַכטיקע רוימען.

ווען ס'אַנקערט דער עכאָ
אין האַרץ פון אַ שטערן,
דאַן ווייס איך:
סע איז מיר באַוויליקט
צו זיין דיין בעל־תפילה.

תּל־אביב

עס שטרעקן זיך ווייט דיינע גאַסן
מיט פֿאַרביק־צעבלענדטע וויטרינעס,
און פֿאַרקן מיט פֿלאַמיקע ביימער־אַלייען,
צעצווייגט און צעצינגלט
אין שטילע, געמיטלעכע געסלעך,
מיט בלומען געצירטע.

עס שוימען די טעג
מיט גערויש פֿון קאָליריקע מאַסן —
סימפֿאָניע פֿון מי,
און אָוונטן, שיכּור פֿון ליכט און פֿון פֿרייד,
הילכן־אָפּ איבער ימיקע ווייטן.

און אויסגעשפּרייט האָסטו די אָרעמס
צום אויפֿנעמען שיפֿן.
און רייפֿן דו רייפֿסט פֿאַרן שווונג
פֿון צעלויכטענע באַנען אין דיינע געדערעם,
גערוימער צו מאַכן די טעג...

ווי אַ פֿויגל,
וואָס איילט־נאָך זיין אייגענע שאַלונג,
דו איילסט, תּל־אביב, צו דעריאָגן
דאָס ליד פֿון דיין דיכטער...

סדום

סדום —
תהום, —
אַנציייניק מויל
צעעפּנט פֿאַרלעכצט,
איך הער ווי דו קרעכצט:
„אַ טראָפּנדל וואַסער
דעם גימען באַנעצן!"

נאָר ס'הויערט די קללה
באַ דיר אויף דער וואַך:
נישט פֿאַרדאַרבן חלילה
אַ שטריך פֿון דיין וויסטקייט —
דיין בלִיוּנג...

און ס'שטעקט ווי אַ שווערד
דער ים אינם לײַב דיר,
און ס'שפּיגלען אין אים זיך
די שטימונגען דיינע...

האָב היינט, סדום, באַ דיר
פֿאַרשטיינערטן קלאַנג
פֿון מיין קינדהייט געפֿינען,
גענומען דיך מונטערן...

איך ברייננג מיינע טעג דיר —
מיט טויען פֿון מי
דיינע גלידער צו זאַלבן,
אַראָפּוױשן אוראַלטן צער
פֿון תהומיקן פּנים.

שוין לאַנג אַז דו ביסט
אין פֿייערן זיבן
פֿון פּיינען געלייטערט.

אין די טינקעלע אַלייען

די לופט האָט געאָטעמט מיט האַרבסט,
ווען איך האָב אין לבנהקער נאַכט
געשפּאַנט אין די טינקלע אַלייען.

די אַלייען, ווי גרינע טונעלן —
געשלייגגלט זיך צווישן באַיאַרעס,
און מיט דופטן געזאַלבט מיינע גלידער.
ס׳האָבן גרילן געבויערט די שטילקייט.
און אומגעריכט האַרך!
אָט צעוויינט זיך אַ שאַקאַל,
אָט צעלאַכט זיך אַ פויגל
און יאָגט־אָן אַזאַ פּחד...

וווּהין און צו וועמען
טראָגט עס מיך, יאָגט אין דער נאַכט?

דאָס דאָרף,
אויסגעפּילט ערלעך די שעהען פון טאָג
מיט אַרבעט אין פעלד,
רוט איצט אין שלאָף, אין געשמאַקן.
און איך...
כ׳ווייס אַליין נישט סאַראַ טינקעלע לוסט
טרייבט מיך אַרום אין די נעכט
צו רייצן דעם דאָרשט פון שאַקאַלן.

1937

צום ים

א

אין די שפּאַלטן פון דעם פעלזיקן ברעג,
ווו ס׳ברעכן זיך דיינע גלעזערנע טורעמס,
דורכגעשניטן אַ וועג צו דיין בלויען האַרץ, —
זײַ איצט, ים, מיין געלעגער.

דאָ ליגן די קרישטאָלענע כוואַליעס
אויסגעבעט מיט סאַמעטענער קילקייט
און לאַשטשען, און ליולען.

דורך מיינע ווײַעס,
פאַרזשמורעט פון גרוים ליכט,
צעפּאַלט זיך די זון — אַ דימענט־רייגן.

זילבערנע נימפעס
פון אָפּגרונטן טינקעלע
קומען מיך באַגריסן
צו מיין ניי־געבוירן־ווערן...

ב

כ׳האָב ליב מיט מיין שיפל
זיך אַריינשניידן אין די אַלייען פון אָוונט,
ווען האַרבסטווינט בייטשט צום אויפגעוויין די כוואַליעס.

איך בין עדות
ווי די ערד
אויף דער שפּראַך פון ים־שטורעם
רעדט זיך צונויף מיט די שטערן.

די ציפּרעסן

די ציפּרעסן אויף דיינע באַרג-שפּיצן
מאַניען מיך שטענדיק אַרויף-צו.

איך קלעטער אויף דיינע הייכן,
ווי אויף מדריגות פון פּאָעזיע...

נישט צעזייען אויפן ווינט וויל איך
די אוצרות פון מיין וואָרט.
נאָר איינזאַמלען אויף סטרונעס
פון דיין גאָרער גערעטעניש.

זעניט

דערגרייכט דעם זעניט פון מיין רייגנבויגן־וועג,
זילבערט שוין אַ האָר בײַ מיינע שלייפן
און וועקט צום אויפגעוויין אַ טענה
פאַרוואָס איך האָב אָפּגעטינקלט מיין לעבן
בײַ די יורשים פון עלנט...

איך האָב מיט מיין ליד באַגלייט זייער טראָט,
ווען זיי האָבן מיט טרערן זייערע פעלדער געזייט,
און מיט בלומען האָב איך
די אָרעמע טישן באַצאַנטעוועט.

איצט, ווען אויפגעשיינט ס׳האָט זייער שטערן,
ליגט מיין קרוין פאַרוואונדיקט.

זיי הילן זיך אין זייד פון מיינע הימלען,
קוויקן זיך מיט זאַפטן פון מיין וויינשטאָק
און פאַרגינען זיך נישט לאָזן אַ טראָפּן
פאַר דער ליפּ פונם פלאַנצער.

אין אַזעלכע סימפּאָנישע נעכט

אין אַזעלכע סימפּאָנישע נעכט,
ווען דאָס לאַנד זעט דיר אויס ווי אַ טעמפּל,
ווי ס׳טראָגט די לבנה...
און ס׳לאָזט זיך דערקענען די בלום
אין איר איידלסטער פאַרבן־שאַטירונג
און ס׳ליגן די זאַמדיקע אינזלען
פאַר מיילן די ווייט, ווי פאַרקעטן צעשפּיגלט,
ווי לוניקע שאָטנס וואַלסירן...,
אין אַזעלכע סימפּאָנישע נעכט
לויערן מענטשן באַם טויער,
די הענט פאַרן מאָרגן
מיט מי צו באַזאָרגן.

און טרעפט, אַז די מי, ווי אַ זעלטענעם פּערל,
איז שווער צו דערלאַנגען,
צעגייען זיך מענטשן, ווי שאָטנס, אַהיים
מיט געבויגענע קעפּ —
אין אַזעלכע סימפּאָנישע נעכט...

1937

בעדויִנערנס

ס׳האָט מידבר אַרויסגעשיקט היינט אירע טעכטער.

זיי קומען, אין שוואַרצן געהילטע,
מיט טינקעלן טראָט פאַר מיין טויער
און בעטן מיט ליפּן פאַרברוינטע.
זיי בעטן מיך קנעכטיש
דאָס גראָז אַרום פּלויט פון מיין גאָרטן
דערלויבן זיי רייסן אויף מאָלצייט...

און דאַכט זיך, זיי ווערן מיר קענטלעך:
בת-מלכּהס מגולגל געוואָרן אַהער
פון אימפּעריעס פאַרלוירענע...

פליקן דאָס גראָז אין די פּאָלעם אַריין
מיט געלויפיקע הענט
צום געקלינג פון די זילבער-בראַסלעטן...
און גנייוויש זיי וואַרפן צו מיר אין מיין זייט
געלוסטיקע בליקן...

1937

דו קאָנסט נישט

דו קאָנסט נישט מער דאָ פאַרבלייבן.

דיך האָט פאַרמאַניעט דער בליאַסק
פונם גאָלדענעם טעמפּל,
ווו ס'קומען די יורדים זיך שמייכלען
צו פרעמדע געטער...

און ווען באַנאַנד מיטן טאָג
האָסט פאַרנייגט זיך צום אָפּשייד,
האָט מיינע אַ טרער דיך באַגלייט
ביזקל וואָן דיינע טריט —
זיך פאַרלוירן העט-העט אין די בלויען...
נאָר שפּעט אין די נעכט

דערטראָגט זיך צו מיר פון אַרומיקן חושך דיין זיפצן
און ס'זוכט מיך אָן אויפהער דיין קול.

אַ פעלז

דער פעלז, וואָס ער שטאַרצט דאָ אַליין —
אַ מענטש איז, פאַרוואַנדלט אין שטיין.

דאָס מויל זיינס, פון לאַנג שוין פאַרשטומט,
האָט צייט אין אַ קללה פאַרקרומט.

זיין פעלזיקער בליק איז געווענדט
אין ים־ווייט, זיגזאַגיק צעבלענדט.

ער האָרכט ווי דער כוואַליעס געברום,
ווי ער, שטייט פאַרגליווערט און שטום...

דערמאָנט זיך אַמאָליקע טעג,
ווען דאָ האָט אויף יעטוועדן שטעג

געווימלט זיין גיריקער שטאַם,
מיט שטורעמס געקעמפט אויפן ים;

ווי ער, אַ צעטענצלטער, גייט
מיט צימבל, טימפּאַן, אין באַגלייט

פון קינדישן אנגסטיקן טראָט,
צו שטילן דעם דאָרשט פון זיין גאָט.

און מולך, אים דאַכט זיך, אַנטציקט,
מיט ריח פון קרבן זיך קוויקט.

אויך זעט ער עשתּורת אים גריסט
מיט טויבן די צוויי בײַ די בריסט,

זיי האַלטנדיק צאַרט אין די הענט,
און אויכעט די קדֵשות דערקענט.

פאַרשיכּורט פון תאווה און בלוט,
געקילט באַם מזבח די גלוט...

נאָך איצט איז אין גרויען געקאַרב
פון טריט זיינע קענטיק די פאַרב,

וואָס ער האָט געמישט מיטן בלוט
פון קנעכט זיינע אונטער דער רוט

צו פאַרבן דעם ליַין, דאָס געוואַנד
די פירשטן און שררות פון לאַנד.

און ער, אין זיין פּאַלאַץ דער האַר,
געהאַט באַ די געטער ס׳גענאַר.

אין ווילטיק און שיכּרות ער פלעג
פאַרברייגגען משוגע די טעג.

און יעטוועדע נאַכט פלעגט אַ ווייב
געהאָרכיק אים גרייטן איר לייב...

אָפט וויל ער אַ הייב טאָן פאַר ווײ
זיין פעלזיקע שטים אין געשריי.

נאָר ס׳מויל, אין אַ קללה פאַרקרומט,
די צייט האָט פון לאַנג שוין פאַרשטומט.

זעקס בחורים פֿאַרטאָג באַם ים

וואָס טוען זעקס בחורים דאָ
פֿאַרטאָג באַם ברעג פֿון ים?
— „ס'האָט אונז אין טיפֿער נאַכט דערגרייכט
אַ ווייט געררוף פֿון ים,
געקומען זענען מיר — דעם רוף
באַשיידן זאָל דער ים".

און זיי דערהערן אַ באַפֿעל,
וואָס קומט צו זיי פֿון ים:
„שפּאַנט־אָן די זעגלען אויפֿן מאַסט
פֿון שיפֿעלע באַם ים,
און לאָזט צוזאַמען זיך אַצינד
אַן אַקער טאָן דעם ים".

און טוט דאָס שיפֿל זיך אַ שנייד
אין שפּיגל פֿונם ים,
אַנטלויפֿט דער ברעג, אַנטלויפֿט די שטאָט
און אונטן לויפֿט דער ים...
אַ רגע נאָך — און אַלץ אַרום, —
בלויז ים, און ים, און ים.

ווי שטיל איז דאָ, און װוּנדערלעך
פֿאַרטאָג אינמיטן ים!
די זון גייט אויף, אַ ווינטעלע
צעקישט זיך מיטן ים...
און אַלעמען באַהערשט אַ לוסט
צו שפּרינגען אינם ים

צום דרייסטן אויג-אויף-אויג-זיין מיט
סכּנה אויפן ים,
און טאָן זיך אַ צעוויג, אַ שטיף
אויף כוואַליע פונם ים,
ווי קינד אויף מוטערלעכן שויס,
אויף כוואַליע פונם ים.

די וואָלקנס אין ירושלים

די וואָלקנס — שיכּור הײנט פון דעם געזאַנג אין ירושלים.

נאָר באַם שוואַרצן די גרענעץ
וואַרנט די לבנה:
„אַריבערשמוגלען זאָל מען נישט קיין פּענעץ.
גאָרנישט זאָל דער שׂונא פון אונז נאַשן!"
און זי באַטאַפּט די וואָלקנס
צי זײ האָבן נישט אַ קלאַנג
באַהאַלטן אין די טאַשן...

נישט יעדן דור

מאַיען און איציקן

נישט יעדן דור באַשערט דאָס גליק פון שאַפן.
און מיר, זיך מיטאַמאָל פונסניי דערקענט,
מיר טוען אָפּטמאָל זיך אַליין באַגאַפן
מיט שירה צו די אייגענע צוויי הענט,

וואָס האָבן אויסגעטאָקט די שטעט, די דערפער
און כּביש נאָך כּביש צעוויקלט און צעגלאַנצט,
און פרוכט צום טיש פון יעטוועדן באַדערפער
אויף באַרג־און־טאָל געכאָוועט און געפלאַנצט.

אין שטרעבונג צו פאַרגיטיקן דעם שאָדן
פון צייט, פאַרשוועגדט אויף בעטלען — און אויף בראָך,
מיר גורטן־אָן די לענדן — און באַלאָדן
ווערט יעדער טאָג מיט זיניקייט און תוך.

און אונזער פאָן מיט שטאָלץ דאָס פאָלק וועט טראָגן
אין קאַמף מיט ווילדן, פיינטלעכן טאַבון,
ווייל קיינער וועט אויף אונז נישט קאָנען זאָגן,
אַז ס׳האָט אומזיסט געלויכטן אונז די זון.

לידער צו מיין ערד־פּלאַנעט

איר הענט פון מיין גייסט

איר הענט פון מיין גייסט, זיך אומצאָליק צעוואַקסן,
געטריי און גרויסאַרטיק איר טוט מיך באַדינען.
שוין זע איך אייך ברייננגען קאַפּעליעס פון שלאַקסן
אין מידבר — די היים פון סאַמום און כאַמסינען.

שוין זע איך אייך אויסגלייכן בערג און די טאָלן,
די וויסטקייט מיט וואַלד און מיט גערטנער באַפּינזלען.
איר רייסט באַ דעם פראָסט פון די נייגל די פּאָלן.
די ספּערישע בלויקייט איך זע אייך באַאינזלען.

איר שיקט צו לבנה גאָר אַנדערע ייִנגען
און פרוּווט צו פאַרפלאַנצן אויף איר מיינע שטאַמען,
און, דאַכט זיך, איר נייט דעם פּלאַנעט צו פאַרשלינגען
אין בויך זיינעם אַלע אַנסופיקע ימען.

איך זע אייך אין שטעט, שוין דערגרייכט ביז די וואָלקנס,
אויף זילבערנע בריקן דאָס לעבן צערוישן.
פון ים־אָפּגרונט שפּייז, ווי פון שאַף דאָס געמאָלקנס,
איר ברייננגט אויף מיין טיש מיר אין פולינקע קוישן.

אין אייך אָבער דרימלט די בייזקייט פון טיגער
און צווינגט מיך צו שטיין אויף דער וואַך, זיין געוואָרנט.
מיט יעטוועדן טאָג — עפּעס ווערט איר מיר קליגער...
איר שטאַרקט זיך אַקעגן מיין שליטה פאַרצאָרנט...

קיין האָב און קיין גוטס, זע איך, וועט איר נישט קאַרגן.
כ'האָב מורא: דערוויל זאָלט איר מיך נישט דערוואַרגן...

אין פּאַרק אויף אַ באַנק

נאָכמיטאָג. איך זיץ אינם פּאַרק אויף אַ באַנק,
און ס'פּלאַטערט, אַ טויב אין דער זון, מיין געדאַנק:

ניין, ס'וועט אויף דער ערד נישט צו גרונט גיין די מי
פון מענטש, כאָטש ער פילט זיך דאָ אייביק נישט הי.

כאָטש אייביק פאַרשטויסן ער איז אין אַ ווינקל,
און פרעמד זענען שטערן, און סוד — זייער פינקל;

כאָטש ס'בלוט אין די אָדערן קילט אין פאַרציטער:
סע נאַרט אים דער אייגענער זין, אַ נישגיטער,

און ס'דאַכט זיך: אָט-אָט — און סע ברעכן די פלאַמען-
אַרויס פונם תהום און צעצינדן די ימען,

פאַרפלייצן דעם גאַנצן פּלאַנעט און פאַרצערן
דאָס לעבן אין שוים פון דער ערד און די ספערן

מיט אַלע די שפּיליקע וואָלקן-וויטראַזשן,
און ס'שטאַרבן פאַרגליווערט אין אונז די מיראַזשן, —

וועט לאַנג אין זיין קרייז דאָ נאָך שפּאַנען דער אדם
און שפּינען זיין צאַפּלדיק-גאָלדענעם פאָדעם.

כאָטש אָפּטמאָל אין מידבר פאַרפירט פון איר שווייגן,
וועט אייביק זיין גייסט זיך צעצווייגן און שטייגן.

די שוואַנען פון געדאַנק

און ווען די שוואַנען פון געדאַנק
זענען גרוי געוואָרן פאַר קליגשאַפט
און צינדן פינקען פון לוסט אין דיין בליק
זיך אַליין פון דער ערד צו פאַרלירן,
וועל איך פון מיין פידל זיך לאָזן
אויף אַ קאָסמישן אינזל פאַרטראָגן.

איך וועל דאָרט מיינע רגעס אין קלאַנגען פאַרוואַנדלען
און אויפבויען פון נגינה אַ פּאַלאַץ.

איך וועל אויפברעכן ס׳גערויש פון פאַנטאַזיע
און אַ וואַסערזייל וועט פינקלען אין זון —
אַ נר־תּמיד.
ער וועט מיט אַ זילבער־געוויין מיר דערציילן
פון דעם שיינעם חלום,
וואָס געזאָלט האָסט מיט אים זיך פאַרקנסן.

נאָר דער לייב
האָט קינד און שיפּעלע פאַרציקט
און לעצטן אַקעראייזן
אין אַ שווערד געשמידט,
וואָס האָט דאָס לעבן אויפן ערד־פּלאַנעט פאַרלאָשן...

און וויסט און פינצטער איז די ערד,
וווּ בלויז דער ווינט
שפּילט אויף די פליטן פון חורבן,
שפּילט פאַר דעם קיינער,
וואָס קיניגט דאָ איינער.
בלויז ער אַליין נאָר...

מאַמע ערד

א

איך פֿיל אויף מיין גימען דיין ליבשאַפֿט,
ווי איך בין דיר טייער.
נאָר איצטער, ווען פּנים־אל־פּנים
סע ווינקט דער אַטאָמישער אָפּגרונט,
טוט אָפּטמאָל אַ בליץ, ווי אַ שווערד, דער פֿאַרדאַכט,
אַז דו ווילסט מיך פֿאַרלאָזן,
אַז אומגעריכט אָנקלאַפּן וועט אין מיין טויער
די שעה פֿון צעשייד...

איין אויגנבליק —
און אָפּגעטיילט האָסט זיך פֿון אונטער מיין טראָט
און געלאָזן מיך הייגנען אין חלל.
אנטרינסט מיר. און וואָס מער דערווייטערט,
צעשיינט זיך אַלץ העלער דיין פּנים...
דו פֿרירסט־איין אַ שטערן אין נידערן־הייכן
אויף נישט צום דערגרייכן...

ב

וואָס זאָל איך טאָן, ערד,
אין דיין גרויען בין־השמשות,
ווען די קליגע שיינקייט פֿון מיין ליד
דאַרף קיינער נישט האָבן...
און דער, וואָס געוואַרט אויף זיין קומען,
וויינט אויף יענער זייט מילכוועג,
און ס'געוויש פֿון די שטערן באַשווערט זיינע טריט...

הלוואי וואָלט אַ וואָלקנבראָך דרימלען אין מיין פֿויסט
צו קאָנען פֿאַרלעשן די פֿלאַמען,
וואָס ברעכן אַרויס פֿון די טיפֿן,
פֿאַרלעשן זיי, איידער זיי וויקלען דיך איין צו פֿאַרצערן.

ג

איך צאַנק אין די נעכט.
מיך עסן פאַרצווייפלטע בליקן
פון הינגעריקע פעלקער,
און מיין שכן דערווייל אונטער צודעק פון חושך
אין ווייבלייַב פאַרזייט...

פאַרפלייצט דיך, ערד, מיט מענטשן־כמאַרעס,
וואָס קומען מיט זייערע תאוות
נאָך מער דיך פאַרפלייצן...

אויך דער, וואָס נעכטן ערשט
אַוועק איז פונדאַנעט, אַ זקן, —
איך זע אים שוין ווידער באַ מאַמישער ברוסט...

ווו וועט ער זיך הינטאָן,
אפילו ער ברייננגט מיט זיך מיט די נייע פלאַנץ
צו שפּייזן קאָנטינענטן?

ד

הפקרדיק צעפּראַלט זענען דיינע טויערן, ערד,
פאַרן אָנקום פון מענטש.

אַ צוויי־דריי רגעס פון דיין אייביק —
און ער וועט, ווי דער היישעריק,
פאַרוואָלקענען דיין פּנים.

נאָר אַז ס׳קומט־אָן דער פרילינג
און איך שייל זיך אַרויס פון די שטיינערנע הויטן
פאַרן אָנבליק פון זון,
ווערט מיר באַנג אויף פאַר די,
וואָס זענען נאָכנישט געבוירן
צו קאָנען געניסן פון דער זוניקער שפע.

ה

װען ס׳הילט מיך איין דיין טרערן־שלייער, ערד,
קרייזן זיך די טויבן פֿון מיין חלום
אַלץ העכער אַרויף צו די שטערן,
צו זוכן דאָרט אַן אַנדערע װי דו,
אַן ערד, װוּ פֿרילינג קומט מיט טויען־טריט,
באַבלימט און באַבליט אירע טאָלן, —
אַ הייליקער טעמפּל.

און פּלוצלינג װערט דיין פּנים פֿאַרענדערט.
דו אַליין װערסט די אַנדערע ערד,
נאָך װעלכער איך בייִנק...
און איך מוז מיט דיר זיך איבערבעטן.

ו

ס׳טרעפֿט, װען דער בליק מיינער
שפּיזט דעם טומאַניקן פֿוירהאַנג פֿון צוקונפֿט אַדורך
און איך לאָז זיך אַװעק אַ שפּאַציר טאָן
אין אירע אַלייען,
װוּ ס׳בליען די פֿעלקער װי בלומען...
דאַן װענד איך מיין בליק אויף צוריק —
און דערזע זיך װי אָרעם און נאַקעט איך בין
אין דעם אוראַלט...
נאָך גוט װאָס מיין ליד
איז מיין היים, און מיין שילד, און מיין װאָפֿן...

מײַן פֿאַרלאַנג — דער פֿאַרװוּנדיקטער אָדלער

א

אָט־דאָס װאָס סע רוקט זיך די זון
אפילו די שעה, װען דערפֿון

סע טרױערט דער מענטש, איז פֿאַרפֿאַלן.
זײַ קלוג און גײ לאָדן די שטראַלן...

סע איז מיר אַ שאָד, טוט מיר באַנג,
יאָ, ס'טוט מיר נאָך באַנג מײַן פֿאַרלאַנג —

דער בלױער פֿאַרװוּנדיקטער אָדלער,
אַן אָרעמער, אײנזאַמער יאָדלער!

זײַן רײזנדאָרשט װאַקסט אָבער װילד
און טראָפּנװײז נאָר װערט געשטילט.

ער װיל נאָר דערבליקן, דערזען
װאָס טיף איז פֿאַרבאָרגן, דערגײן

װאָס קײנער איז נאָכנישט דערגאַנגען,
באַרירן װאָס נישט צום דערלאַנגען,

דערזינגען װאָס נאָכנישט געזינגען,
און זען זיך אַריבערגעשפּרינגען

צום סוד פֿון די סודות... אַנטפּלעקן
אָט־דעם לעגענדאַרישן שטעקן,

װאָס שפּאַלטן מיט אים קאָן מען ימען;
די װאָרצלען פֿון אײביקע שטאַמען;

דעם האָניק, פון גימען פאַרהוילן;
און וועלטן אין נעפּלען זיך קנוילן.

אַט שפּרייט ער די פליגל פונאַנדער
און ס׳ווילט זיך אים טאָן איצט אַ וואַנדער

צום בלענדיקן ווייסן אַנטאַרקטיק,
ווו ס׳קיניגט דער בליזאַרד * און אַרטיק

ער שלײַפט זיינע דימענט-פּאַלאַצן.
און ס׳ברעכן זיך גלעטשערס און פּלאַצן,

ווען ס׳נעמט-אויף דער ים זייער שטראָמען.
און ס׳ווימלען קאָלירליכט-פֿאַנטאָמען,

ווען זון נעמט זיך וועקן צעשויבערט
נאָך ענדלאָזן חושך און צויבערט...

שוין אויך מיט מיין אָדלער געטראָפן:
ס׳האָט אים אין די טינקלע אין-סופן,

אין דרייסטן געפלי און געפלאַטער,
געזען אַ לבנהשער קראַטער...

געבראַכט מיר פון דאָרטן אַ פּענעץ
פון עלנט, וואָס האָט נישט קיין גרענעץ...

און אויב, פריינט, סע ווילט זיך דיר גאָר,
האָט ער ערשט צוריק מיט אַ יאָר

געבראַכט מיר אַ גרעזל פון מאַרס,
אַ נישטיקס אַזאַ און אַ דאַרס.

דאָס גרעזל האָב איך, ווי אַ שמיד
פון ריטמען, באַהאַלטן אין ליד.

* שניישטורעם.

דערציילט מיר דערנאָך האָט אַ סטרונע,
אַז דאָרט אויפן מאַרס, אויף אַ דיונע,

געפאַלן איז ער אַ פאַרשמאַכטער,
„געקומען מיין סוף" האָט געדאַכט ער.

געלעגן אַזוי איז ער שטום
ביז וואַנעט סע האָט אַ סאַמום

געטאָן אים אַ שרויף צו די הייכן,
געשיקט אים צוריק צו דערגרייכן

די ספערן, פונוואַנעט געקומען...
איך האָב אים באַגעגנט מיט בלומען...

ב

באַטאָג זיצט דער איינזאַמער יאָדלער —
מיין בלויער, פאַרוווּנדיקטער אָדלער —

מיט מיר אין מיין צימער געפאַנגען
באַגלייך מיט די אַלע פאַרלאַנגען...

פאַרנאַכט, ווען די זון רופט אונזביידן
אַרויס פון דער שטוב זיך צו שיידן,

ער פרווּט די צעבראָכענע פליגל
און היפּערט־אַוועק צו דעם היגל,

ווּ זון האָט געטאָן איר פאַרנויג.
ביז וואַן איך פאַרליר אים פון אויג.

און שטענדיק אין גריבער, קאַנאַלן
געפין איך מיין אָדלער געפאַלן...

ערגעץ־ווייט

ערגעץ־ווייט, אויף אַ שקיעהדיק פעלד
ליגט אַ מענטש — אַ געפאַלענער העלד.

אַ געקעפּטער, ער ליגט אין אַ גרוב,
און זיין קאָפּ שוועבט־אַרום אין מיין שטוב.

און דער גוף, ווי געקנופּט צום אין־סוף,
פונם גרוב הייבט צו וואַנדער זיך אויף.

בײַ די מייסטער פון צוקונפט־מוזיק
גייט ער מאָנען דעם קאָפּ זיינעם צריק...

און דער גוף, ווען ער שטרויכלט אין שטיין,
הייבט אין שטוב אויף דער קאָפּ אַ געוויין;

און ווען עמיצער דאָרט טוט אים וויי,
הייבט אין שטוב אויף דער קאָפּ אַ געשריי. —

און דעם טאָג, אויפן מיזרח צעשפּילט,
דאָס געשריי ווי אַ וואָלקן פאַרהילט...

און איך, וואָס סע איז מיר באַשערט
אַ דיכטער צו זיין אויף דער ערד,

איך וויש אַלץ די אויגן פון טאָג
און אָפּווישן קאָן נישט די קלאָג.

זיגער

ס׳האָט היינט אין מיר דערוואַכט דער טיגער,
ווען נאָך דער איינגעשטילטער שלאָכט
איך האָב דערפילט זיך ווי אַ זיגער...
און מיטן אָנקום פון דער נאַכט

איך גיי — און שפּאַן דעם טויט אַריבער
מיט וואַכע זיגערישע טריט —
אַריינצוריייסן זיך אין שטיבער
פון דאָרף, וואָס ליגט אין צוואַנג געשמידט...

און דער באַזיגטער אויף אַ טעלער
אַקעגנטראָגט מיר ברויט־און־זאַלץ,
נאָר מיט דעם טאָן פון אַ באַפּעלער,
באַפעל איך אים צו ברייגנען אַלץ,

אויף וואָס סע איז מיין אויג געפאַלן,
און וואָס ס׳האָט נאָר באַרירט מיין האַנט:
דאָס בעסטע פערד פון זיינע שטאַלן,
די שענסטע טאָכטער פון דעם קאַנט.

ער נעמט זיין פערד, און נעמט זיין טאָכטער
און נעמט זיין בעט און זיין געשיר
און גייט מיר נאָך, אַ שווער־באַיאָכטער,
און ברייגנגט דעם „זאַקרויב” צו מיין טיר.

און ווען איך שיק אים אָפּ, אַ מידן,
און מיט אַ זידלוואָרט באַלוינט,
באַדאַנקט ער נאָך און איז צופרידן
וואָס איך האָב אים די פעל געשוינט...

1948

קינדער

א

איך בין אָנגעטרינקען מיטן ווײַן פֿון חכמה,
פֿון דורות געקעלטערט.
און קאָן נאָך אַלץ נישט זײַן קינדיש געניג
און אויסהעפֿטן מײַנע שפּילן
אויף דער קאַנווע פֿון אַ גרין־גראָזיק פֿעלד
אין אַ זומערדיקן מיטנטאָג
און דעריאָגן מײַן פֿרייד,
וואָס ס׳קומט מיר באַם זומער,
און זיך פֿרייען מיט אים, מיט זײַן גינגאָלד.

ב

ווי אוראַלט־קליג זענען קינדער!
זיי נעמען די פֿריידן פֿון טאָג
במזומנים...
בלויז איך בין קינדיש גענאַרט
מיט דער אילוזיע פֿון אַ שענערן מאָרגן,
וואָס איך מיין יעדן טאָג, אַז אָט קומט ער —
און קומט נישט...

קעצעלעך

צאַרט און איידל.
פרי באַפריינדן זיי זיך מיטן עלנט.

זיי זענען אַן אָפּשפּראָץ פון דער שיינקייט
פון אַן אָרעמען גאָט,
וואָס באַשטעלט זיי אין לבנה-נעכט...

זיי הינגערן און קאָנען נישט רעדן.
קומען זיי צו׳ן אונזערע שוועלן
און בעטלען מיט פידל-שטימעלעך.
און קיינער ווייסט נישט דעם סוד
וויאַזוי זיי שלינגען-אַראָפּ זייערע טרערן,
ווען מ׳טרייבט זיי אַוועק...

דעם טאָג,
באַ זיי אומענדלעך-לאַנג,
פאַרשלאָפן זיי.
און פאַרליבטע אין דער נאַכט,
הערן זיי זיך איין אין אירע פאַרבאָרגענע געוויישן.

זיי קיקן מיט קינאה און באַוווּנדער:
„אַזעלכע מענטשן-ריזן, אַזאַ שיינע וועלט!״,
נאָר גיך געוווינען זיי זיך צו
און פאַרזשמורען קלוג די אויגן...

אין אויסשטראַל פון מיטלייד

מלך ראַוויטש

1

זאָל אויפגליען דיין האַרץ
אין אויסשטראַל פון מיטלייד
פאַרן יינגן ביימעלע,
וואָס ליגט צעטראָטן באַם וועג
און האָט נישט די קראַפט זיך אויפצוהייבן ;

פאַרן גאָלדן בינעלע, ווי סע וויינט,
זיך שלאָגנדיק מיטן קאָפּ אין דער שויב,
און קאָן דעם וועג צו דער פריי נישט געפינען ;

און פאַרן ברודער מיטמענטש,
מיט אַל זיין נויט און זיין רייכטום אויף דער ערד, —
די ערד, וואָס שטורעמט דורכן וועלטאַל
אין געלויף צו׳ן איר ציל,
טינקלדיק פאַרהוילן
פאַרן אויג פונם שׂכל.

2

איך בין אַ דערוויטערטער דאָ.
איך וווין אויף אַן אַנדערן שטערן.
אַן אייביקייט נעמט עס מיין וואָרט
דערגרייכן דיך, דו זאָלסט דערהערן.

איך האָב מיך דערזיינגען צום תּוו
און דו — הינקסט נאָך אונטער באַם אלף,
איך שיינק דיר מיין זוניקסטע טויב —
און דו נעמסט זיך שאַרפן דיין חלף.

די טרויבן פון גייסט

די טרויבן פון גייסט,
מיט זאַפט ווי רובינען־ליכט,
זענען צו פרי רייף געוואָרן...

שווער טראָפנט נאָך די נאַכט אַריין אין מיין געמיט,
איך זאָל קאָנען אויפזינגען פריי
צום וויבריר פון זייער שיינקייט.

נאָך איז מיין גוף פון טומאה נישט געלייטערט,
און פאַרשטיינערט איז מיין גימען
צו קאָנען זייער זיסקייט דערפילן.

די פייערפערד פון תאווה
זענען נאָכנישט געצוימט אין מיר.

איך אַליין בין נאָך צו פרי,
עלנט אַרומוואָיענדיק
אין די טינקעלע וועלדער פון צייט.

דער מלאך פון שטילקייט

קיינער בלייבט נישט פֿאַרגעסן אויף דער ערד.

גרייט,
מיט יעדן טראָט פון מעת־לעת,
וואַרט אין זיין טורעם
דער מלאך פון שטילקייט.

ער פירט־אַהיים די פֿאַרבלאָנדזשעטע שאָף...

זיין בליק עגבערט־אַדורך
ביז אויף יענער זייט אַנהייב דיין לעבן,
וואָס דו זעסט, ווי אין שפיגל, פֿאַרבייגיין אין אַ רגע...

ער גיט דעם צייכן נאָכצופאָלגן אים.
און פלוצלינג פֿאַרנעמט זיך אויף אַ זייטיקן שטעגל,
און פירט דיך צו צו׳ן אַ גאָרטן.
דאָ שמעקן די בלומען מיט דופטן פון אַן אַנדער פלאַנעט.

ער עפנט שטיל דעם טויער
און פֿאַרנייגט זיך לעצטיק־מילד ביי דיין אַריינטריט.

ג אָ ט

ניין, נישט אַז מין גאָט דו רים
ווי ס׳האָט דיין אַנגסט געשאַפן אים.

ס׳האָט גאָט געמאַכט דעם הימל בלוי
און מענטשנס אויג צו זען אַזוי.

ער האָט אין אַל זיין מאַכט און רום
דעם דופט באַשאַפן פון אַ בלום,

די זונסיסטעמען אינם תהום
פון אוניווערס, ווי דעם אַטאָם...

די צאָל פון מענטשנס טעג באַשערט,
און אויך דאָס ווערעמל דערנערט.

ער איז געווען, געהיט די שעה
נאָך איידער האָסט געצעלטיקט דאָ,

און אייביק שײַנען וועט זיין קרוין,
ווען דו — שוין לאַנג פאַרלאָזט דיין וווין.

צו'ן אַ פידלער

ווען דו פירסט מיטן בויגן אויף דיין פידל,
דערזע איך מלאכים מיט אויגן אין זייערע קרוינען.
זיי שטייען פאַרן כסא-הכבוד
און טענהן פאַר גאָט אויף אַ בליציקן לשון.

זיי קומען פון לאַנדשאַפטן צייט,
ווי דער שטן,
געקליידט אין אַ מאַנטל פון יושר,
שפּאַצירט אויף אַ טרערן-טעפּיך...

גאָט נייגט זיך בלויפייערדיק צו זייערע געוויינען
און זיין מראה ווערט פאַרוואָלקנט.
אַ זיפץ ברעכט זיין שווייגן
און פאַרטינקלט די יצירה.

דאַן טרעטן זיי צריק, די מלאכים,
און וואַנדערן-אַוועק צו זייערע ספערן.

איין מלאך
לאָזט זיך מיטן וועג פון דער ערד, וואָס ער ליבט.
און ווען זיך דערנענטערט צו איר,
ווישט-אַראָפּ דעם חושך פון איר פנים
מיט באַריר פון זיין פליגל.

צו׳ן אַ מאָלער

מאָל, מאָלער, מאָל :
אַ זיפץ פון אונזער דור,
אַ שטריך פון דעם קיינער,
אַ שטראַל פון האָפנונג.

מאָל :
דעם ווייַן פון דער פרי,
וואָס איר טעם איז די קינדהייט ;
די אַלייען פון קאַיאָר,
ווו מיר וועלן אַמאָל שפּאַצירן גיין...
דעם זין פון ערב זונאויפגאַנג
אין צפון־ליכט צעאָרגלט ;
דעם גלימער פון אומבאַקאַנטע וועלטן
אין סוד פון נגינה...

מאָל :
דעם טרויער פון גאונים,
פאַרלוירן נאָך איידער געבוירן.
שעפּ־אוים דעם פּיין ביז זיין לעצטער רגע
און צינד־אָן אַ שמייכל
אויף וועלט׳ס פאַרחושכטן פּנים.

תפילה צו יידיש

אָז דיר אין דער וואָלדיקער נאַכט —
מיין ברונען איז ליידיק.
זיי צו מיר גניידיק.

העלף מיר דערציילן אַ מעשׂה.
שטרעק־אוים מיר דיין האַנט,
מיין ליד זאָל געראָטן.
לאָז מיך נישט איבער, אַ שאָטן...

דו אייביק־ייִנג־נשמה
פון פאָלק אין זיין וואַנדער,
זע ווי סע קוואַרט־איין מיין איך,
ווען מיר שיידן זיךביידע פונאַנדער.

אַנטפּלעק פון דער טיף דיינע פּערל,
דעם יאָדער, פאַרפּאַנצערט אין קערל,
זאָל נישט דאָס ייִנגל
„שאַרף צינגל"
זיך קאָנען באַרימען:
איז גרייט מיך אַריבערצושווימען...

שיינק מיר דאָס וואָרט, וואָס איך דאַרף,
כ'זאָל ווערן אַ סטרון פון דיין האַרף.
דיין שׂונא, וואָס דיינקט אין דער קרום,
וויל מאַכן דיך שטום,
ווי דזשודעזמאָ...
איך וויל זיין דיין קלעזמער,
מיט שירה דיין אָטעם באַלעבן.
כ'וועל שטענדיק דיר אומקערן מער
ווי דו וועסט מיר געבן...

אין באגלייט פון מיין שטערן

מיינע לידער זענען שטילע
אָוונט־פּלייטן.
מיינע לידער זענען וואַכע
ליכט־טראָמפּייטן.
מיינע לידער — לומינירטע
נאַכט־פאַנטאַנען,
זון־געשטרייפטע
טרוים־טומאַנען.

ליד פון צוריקוועגס

אַ גאָט,
איך בין געווען געגליכן צו דיר,
ווען איך האָב רעגירט
דעם קאָסמאָס פון מיין גוף,
און דו האָסט געטרינקען לחיים צו מיר
פון דיינע שטערן־בעכער.

איך בין געזעסן,
אַן אָנגעלייגטער אורח, באַ דיין טיש
און דו האָסט מיך געזעטיקט
מיט אַל דיין האָב...

ס'איז דעמלט אין מיר
מיין רויטער מילכוועג
געפלאָסן אונטערטייניק און האַרמאָניש.

איצט,
ווען אַלץ רעוואָלטירט,
וויל זיך מערנישט אונטערגעבן מיין ווילן,
דאַנק איך דיר, גאָט,
דאַנק דיר פאַר אַלץ...
אפשר וועט דיינע אַ טרער מיך באַגלייטן,
ווען איך נידער אַרונטער
טיף צו מיין חורבן.

צו מיין פּאָרטרעט

1

ווען נאַכט מיט בלויע פינגער
באַרירט אין מיר די סטרונעס פון שטילקייט,
פאַרנעפּלט מיך, ווייט פון די ערדישע ווינטן,
הייבסטו אויף דיינע ברעמען,
און ס׳צינדן פאָספאָריק זיך אָן דיינע אויגן.
דו וועקסט זיך פון גליוועך,
און גרייטסט זיך פאַרנעמען דעם דאָרנדיקן טראָן
פונם דיכטער.

איך ענפער דיר איבער ס׳געהער מיינס
באַנאַנד מיט מיין שרביט.
און דיין פּנים,
אייביק אין אָנשטריינג צו דערגרייכן מחשבה,
וואָס בלאָנדזשעט אין ספערן,
הערט זיך איין צום גערויש פון דער וועלט.

2

דער פרימאָרגן
קיקט־אַרוים דורכן בלויען פענצטער
אין פאַרוואָלקנטן מיזרח.

וויאַזוי, טאָג, אָקעגנגיין דיין פריידיקן אָטעם,
ווען דו צעפּאַלדעוועסט די בלענדן?

איך דאַרף זיך אויסטאָן פון אַלע זיבן הויטן,
אַליין ווערן אַ יובלדיקער ליכט־שאָטן,
וואָס טראָגט זיך לייכט איבער ימישע וייטן,
כּדי אין אַ רגע פון נישט צייט
דערהערן דיין יובלען.

מײַן געבוירן ווערן

מײַן געבוירן ווערן איז געשען,
ווען נאָך אַן אומענדלעכן
טיפֿזיניקן שלאָף
איך בין אַרײַנגעשלײַדערט געוואָרן
אין אַ פֿאַסטקע,
אויף נישט צום אַנטרינען;

ווען איך בין אַרײַנגעפֿאַלן, גאָט,
אין דעם בלויען טײַך פֿון דײַן אויג,
ווי איך שווים־אַרום,
דערטרינקען אין לעבן...

מיינע אוצרות

1

מיינע אוצרות, אָנגעזאַמלט אויף די וועלטמערק,
צעשיינקט האָב איך דיווינטן,
און איבערגעלאָזן מיין פּאַלאַץ דער אייביקער שטילקייט.

איך בין שוין גענוג רייך
איך זאָל קאָנען מיט אַ לאָבן ברויט אונטערן אָרעם
אַוועקוואַנדערן צום איינזאַמסטן ימברעג
און דאָרט, אויף די גאָלדיקע זאַמדן,
זיך טוליען מיט נאַקעטן לייב צו די פעלזן
און לאָזן די זונען מיט פינגער פון שירה
די זאָרג אויף מיין פּנים פאַרגלעטן,
און דעם ים מיט זיין קאָסמישן וויגליד
אין די נעכט מיך פאַרוויגן.

2

ס'געזיפּץ פון אַ פלייטל
היינגט אין דער שטילקייט פון נאַכט
און וויקלט-פונאַנדער מיין בייִנקשאַפט
נאָך איענינקער פרייד,
וואָס דער גואל דאַרף ברייִנגען,
דורך טרערן געלייטערט...

איך וועל אירע קערנער פאַרזייען
באַם שוועל פון אַיעטוועדן הויז,
און די פרייד וועט זיך צעבליען, וועלט,
מיט די אַלע קאָלירן,
וואָס דו האָסט צו שיינקען.

געקרוינט פון מחשבות

ס'האָט זון היינט אויפגעריסן מיין אויג פון שלאָף.
איך בין אויפגעשטאַנען, געקרוינט פון מחשבות.

מיין איבערזעט איז פאַרשווינדן מיט דער נאַכט
און איך קום צום פרימאָרגן,
אויסגעהינגערט נאָך זיינע קאָלירן.

איך קיק אויף דער וועלט, ווי נאָך קיינמאָל נישט געווען דאָ...

איך יאָג זיך מערנישט אַרום נאָך מיראַזשן
צו וועקן מיין נייגיר.
מיר איז גענוג בלויז דער טאָג אַליין,
צו ווינען אין זיין בלויען געצעלט.

און ווען דער ווינט וועט אָניאָגן וואָלקנס אין הימל,
און אַ דונער וועט אָנזאָגן שטורעם,
וועל איך,
ווי די טויב, איינגענורעט אונטער דער סטריכע,
קיקן פאַרגאַפט ווי דער הימל האַלזט די ערד
און באַפרוכפּערט אירע לענדן.

טעג מיינע

איר טעג מיינע, ליבע,
וואָס איר איילט זיך אַוועק אַזוי גיך,
און געוואָרן מיר פרעמד,
אייער פּנים — פאַרגליווערט, אַנטשוויגן,
און איך וואָגל־אַרום אין דער מידבר,
פאַרלוירן פאַר אייך, —
איר טעג מיינע, ליבע,
וואָלט איר יִונגינקע טענצערנס זיין,
איך וואָלט פאַר די האָר אייך געפאַנגען,
מיטן בליאַסק פון מיין וואָרט
אין מיין פאַלאַץ פאַרנאַרט אייך,
און כ׳וואָלט אייך געצווינגען אין טאַנץ אַרום מיר זיך באַוועגן,
מיין עלנט מיט אייערע בליקן באַפּערלען,
און ווי כּוהנטעס איינגעשפּאַנט גיין אין דעם יאָך
פון דינען צו מיר — אייער אָפּגאָט.
און נאָר ווען דערלויבט אייך,
וואָלט איר מיך פאַרלאָזן...

און וואָלט איר קאָליריקע פייגל געווען,
איך וואָלט מיינע פּוסטריט אייך נאָכגעשיקט
און געבן אייך פּיקן די שטערן פון מיינע חלומות
איידער זיי ווערן פאַרלאָשן.
און איר וואָלט מיטן אָטעם פון אייער געזאַנג
די וועלט מיר פאַרהיימישט.

בלומען

די בלומען צוזאַמענגעטוליעט באַ מיר אין דער וואַזע,
זיי קוקן מיט טוויִקע אויגן פאַרבלאָנדזשעט.
נאָך אָטעמען זיי דאָ מיט סודות,
פון האַלבנאַכט פאַרטרויטע.

ווי ס׳מאַניעט דאָס אויג דער נאַרצים
מיט זיין גאָלדיקער בלאַסקייט,
וואָס אויסגעבלייכט האָט די לבֿנה;
די זיסע מוסקאַרי,
באַטרינקען מיט הימלישער בלויקייט;
די רויזן, ווו איבערגעלאָזן איר פלאַם
האָט די שקיעה.

זיי וועקן מיט זייערע דופטן
די פלייט פון זכּרון,
די פרילינג־פאַרנאַכטן
פון ווייטן אַמאָל, פון מיין יוּגנט.

פון אַ בריוו צו מײַן שוועסטער

...יאָ, שוועסטער,
שוין לאַנג אַז איך צערטל דעם חלום
פון אַ זומער־נאָכמיטאָג,
ווען איך וועל באַטרעטן דײַן שוועל.
ס'וועט מיר דײַן זינעלע אַקעגנלויפן
מיט פריידיקן אָטעם...

דו וועסט מיך פאַרבעטן צום טיש
לחיים טרינקען צו'ן אַמאָליקע טעג,
אויפגעטויכט ווידער,
מיט דער האַנט צו דערלאַנגען...

דאָס אַקאַציע־ביימל אין הויף
וועט בליען איצט, אַ זקן אַ צעצווייגטער.
אפשר וועט ער זײַן פלאַנצער דערקענען,
זיך פאַרנייגן:
„געבליבן נאָך פאַר דיר, מאַניקל,
אַ שטיינגעלע אַקאַציע באַהאַלטן אין מײַן קרוין.
רייס עס דיר אָפּ
און שמעק דעם דופט פון דײַן יוּגנט"...
און דער הויקערדיקער פאַרקן
ווי דראַפּענדיק זיך, כ'פלעג מײַנע פלידערלעך צעפּליקן,
וועט אפשר אויך האָבן אויפגעהיט
אַ צייכן מײַנעם, אַן אויסקריץ.
בלויז די טויבן אינם טויבנשלאַק
וועלן זײַן פאַרפלויגן...

מיר וועלן פאַרנאַכטלעך אַרויסגיין אויף שפּאַציר,
און יעדער סטעזשקעלע פון גאַס,
און יעדער שטוב פאַרביי —
אַלץ וועט אויסדאַכטן,

אַז איך האָב אין אַ וואונדערקרייז
פאַרבלאָנדזשעט צוריק צום אַמאָל...
נישט מער, די מענטשן דאָ וועלן זיין פאַרענדערט...

און דער נעסטער, איילנדיק אין זיינע ברעגן,
ווי דאָס קול פון תּפילה פון דער שיל אַרוים,
וועט זינגען נאָך אַלץ דעמזעלביקן ניגון...
און אויך דער פאַרנאַכט וועט זיין דערזעלבער...
און אַ פלעדערמויז (אפשר אויך דיזעלבע?...)
וועט אַלץ נאָך קרייזן אַרומען גאַסלאַמטערן,
ווו איך פלעג אין די אָוונטן
אין „מלחמה" און „בלינזעקייט" פאַרשפּילן זיך.
נישט מער, די חברים וועלן פעלן...

1937

דער שטראָם פון מיין לעבן

יהושע גרינבערגן

נישט רויִק און שטיל אין זיין בעקן
געפלאָסן דער שטראָם פון מיין לעבן.

זיין וועג האָט געשנירלט דורך פעלזיקן מידבר,
און גלייך ווי אַ סאַרנע
געשפּרינגען, געהיפּט איבער פעלזן און סקאַלעס.
געפאַלן... פאַר וויטיק געיאָמערט, געזאָטן
און אָט, זיך צוזאַמענגענומען און ווייטער געלאָפן!...

אַמאָל אויך פון אויג זיך פאַרהוילן,
אַראָפּ אין די ערדישע גרונטן,
עקשנותדיק דאָרט זיך געגראָבן, געבויערט
דורך שטייניקע שפּאַלטן;
געטאַפּט און געזוכט אין דער שליימיקער חשכות
און דורכגעהאַקט צאַם און געשטרויכל.

און דאַן ערשט געקייקלט זיך ווילד איבער וואָרצלען און זשוויר,
זיך געאיילט און געשורשעט,
געבלאָנדזשעט, געשליינגלט זיך הין־און־אַהער
צווישן דערנער און קוסטעס,
פאַרקראָכן צוריקוועגס...
און ענדלעך דערשלאָגן צום ציל זיך,
דערלאַנגט צו די פרייע און אָפענע פעלדער,
צו קאָנען פאַרשפּיגלען
דאָס הימלשע בלוי אין זיין טיפקייט...

צוויי שוואַנען

צווישן בערג, מיט שיינקייט רייך,
שווימט מיין שיפל אויפן טייך.
כ'פיר מיט זיך אַ קיניגרייך.

אין דעם שיפּעלע פון ראָר —
איינגעשפּאַנט אַ שוואַנען־פּאָר,
אויסגעסטרונעט פון מיין האַרצן —
אַזאַ ווייסער מיט אַ שוואַרצן...

טרעפט אַמאָל

טרעפט אַמאָל דו טוסט דערהערן
לידער פון די ווייטע ספערן —
אומבאַקאַנטע סאָלאָווייען,
ווי זיי לעבן און געדייען
מיט די קלאַנגען און די טראַפן
איידער האָסט זיי נאָך באַשאַפן,
און אַ ליד מיט שטומע בליקן
בעט באַ דיר זיך: „גיב אַ תיקון!",
נעמסטו בלויז אַ הויפן ווערטער
און צעשטעלסט זיי אויף די ערטער...

וואַסערפאַלן

1

דער טייך שטרעקט
זיין בורשטיניקן האַלז
באַרג־אַראָפּ צום ים.
קישט זיך וואַסער מיט וואַסער
אין פרייד פון באַגעגעניש...

די ווינטן וואָיען נאָך אַלץ ווי אַמאָל...
צעבלאָזן מיילן־ווייט דעם וואַסערשטויב,
ווו רייגנבויגן־שאָטנס וואַנדערן, וויברירן
און פאַרשווינדן...

2

ווי ברייט און מעכטיק שטראָמט דער טייך,
און פּלוצלינג טוט אַ ברעך זיך איבער,
און פאַלט מיט שטורעם און מיט קראַך
אַראָפּ אין שווינדלענדיקע תּהומען,
און קאָכט, און זידט אין בלענד פון שוימען.

אַ וואַסער־טעמפּל, זעט ער אויס,
אויף וואַסער־זיילן... אין זיין שוים
צעשפּליטערט און צעשטויבט די זון ער.
זיין פונדאַמענט — אַ דונער...

נאָכן שטורעם

דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט,
די זון אין מערב זיך צעשייטערט.

נאָך טוליען זיך צוויי גרויע הינדן
מיט קעפ פאַרחידושט, גאָלד־געצינדן.

דו שטייסט און גאַפסט, און ווילסט דערגיין:
אַוווּ און ווען דאָס בילד געזען?

מיראַזשיק גליט פאַר דיר אַ שעה,
וואָס איז שוין לאַנג נישטאָ...

זוניק־בלוי

זוניק־בלוי איז אויסגעצירט דער טאָג,
נאָר אָנגעשפּאָלטן זיין גילדענער בעכער,
וואָס ער טראָגט מיר אַקעגן.
דער ווײַן ווערט אַנטרינען
נאָך איידער איך ברענג אים צו צו מיין ליפּ.

נאָר דער טייך,
וואָס רירט זיך קוים אין זיין גאַנג
צווישן גרינע טינקל־ווענט,
נעמט מיך אויף אין אָוונט מיט זיין שטילקייט.

שלאָגנדיק מיט די פינגער
אין די סטרונעס פון גיטאַר,
גאָנדאָליר איך אויף דער וואַסער־אַליי
קעגן לבנהדיקן אויפגאַנג.

און אַלץ, וואָס ס'האָט געראַבעוועט בײַ מיר דער טאָג,
קום איך אויפמאַנען בײַם שיר פון דער נאַכט.

ניו־יאָרקער הימל

פּרימאָרגן

איך האָב זיך היינט געפּעדערט, ניו־יאָרק,
מיטן פרילִיכט.
טראָג זיך אַרום אין דיין גאַסן־געפּלעכט,
גאַס־אויס, גאַס־איין.

דער מאָרגנווינט שפּילט אויף די האַרפּן
פון דיינע שטאָלענע בריקן.
אַ פייער־שנור
סילעט זיך שטיל דורך זייערע געוועבן
און גלימערט, גלימערט אָן אויפהער...

אומבאַמערקט הייבט־אָן גרויען דער פרימאָרגן.

די וואָלקנטורעמס, ווי וואַנדערער,
קומען־אַרויס פון דער מידבר פון נאַכט.

ס׳בלעטערן זיך אויף דיינע סקווערן.

היימלאָזע
אין שלאָף נאָך צעוואָרפן אין פּאַרק,
ווי געפאַלענע — אויף שלאַכטפעלד...

אַ טורעם פאַרטשעפּעט אַ שטראַל אויף זיין שפּיץ —
אָנזאָג אויף זונאויפגאַנג.

דו וועקסט זיך גבורהדיק פון שלאָף.
וואַסערפאַליק שטייגן די גערוישן.

דער מענטשנשטראָם שווילט,
גיטמאָרגנדיק פאַרפלייצנדיק די גאַסן.

אויף ניו־יאָרקס אַ בריק

בין איינמאָל צו זונשייד געשטאַנען אויף ניו־יאָרקס אַ בריק,
האָט אַ פרוי־סילועט אויפן מערב,
געצירט אין אַ קראַנץ פון צעפינקלטע בלומען,
געקליבן אויף סטרונעס די רגעס פון שקיעה,
פאַרוואַנדלט דעם פלאַם אין נגינה.

דערנאָך איז אַ פלאַמיקער שטרייף
זיך צעלאָפן לייִנג־אויס פונם מערב,
ווי ס'וואָלט זיך די שטאָט מיט אַ פורפורנעם גאַרטל פאַרגאַרטלט —
און שטאַרצט מיט די קרוינען פון אירע באַצינטערטע טורעמס
אין טינקל פון וואָלקנס,
די וואָלקנס, וואָס האָבן מיט שווערקייט געשפּאַרט אויפן מערב,
דעם פלאַמיקן שטרייף אַלץ געלאָשן.

און ווען שוין פאַרלאָשן,
דערזען האָב איך ווידער די פרוי דאָרט,
איר פּנים באַשאָטנט פון טרויער
און אויסגעטאָן האָט זי דעם קראַנץ פון איר קאָפּ,
דעם געלאָקטן,
און פליקנדיק בלום נאָך אַ בלום,
האָט זי בלינד מיט דער האַנט זייערע בלעטלעך ווי שטערן
געשפּרייט אויפן מערב.

הונדערטצוואַנציק שטאָק אַ ריז

הונדערטצוואַנציק שטאָק אַ ריז.
שטייט איך אויף זיין אַקסל ביז

טאָג באַגעגנט זיך מיט נאַכט
און אין שטוינונג איך באַטראַכט:

אָ, ווי ברייט דער הימלראַנד
יאָגט-צעיאָגט זיך גאָלד-געשפּאַנט!

זון — אַ אָדלערן. זעט-אוים —
אַ פאַרוווּנדיקטע אין שוים

פון די בערג, מיט פליגל רויט,
צאַפּלט זיך אין קלעם פון טויט...

טורעמס וויגן זיך אין טאַנץ
מיט די קעפּ אין אָוונטגלאַנץ.

אונטן גלימערט-אויף אַ ים —
שנירן פּייערלעך און פלאַם.

און די אויטאָס רוישלאָז, שטום,
ווי מוראַשקעס, קריכן אום.

אָוונט נאַרט-אַריין אין פאַנג
פון דער נאַכט מיט זיין געזאַנג...

נאַכט צעפּלעכט זיך אירע צעפּ.
שאָטנס שאַרן זיך אויף טרעפּ,

וויקלען מיך אַרום ווי שליינג,
ווערט די פינצטערניש מיר איינג,

ליכטיקט-אויף גאָר אומגעריכט
אינדערוויַיט אַ טורעמליכט

און דערמונטערט ווי אַ קוואַל,
ווען סע פאַלט אויף מיר זיַין שטראַל.

פאַרנאַכט

א

ווער ס'איילט אויף בראָדוויי
צו שפּיל און טאַנץ,
איך קום צו די טויערן פון מאַנהעטן
היטן אַ זונפאַרגאַנג,
גאַפן ווי די גאָלד-צעפּלאָסענע ים-כוואַליע
שווינדלט אין אומרו.

די זון פאַרזינקט אין מערב —
און זקנים איבער איר,
אין טליתים פלאַמיקע געהילט,
דוכענען — כּוהנים...

אַ פייער-שלאַנג צעוויקלט זיך בײַ זייערע פיס.

די כּוהנים ווערן פּורפּורנע פעלזן.

אַ פּאַסטעך אין אַש-גרויען מאַנטל,
מיט אַ שטעקן (אַ שטראַל) אין האַנט,
טרייבט אַ גילדערנע סטאַדע ציקעלעך
צו'ן אַ גרין-בלויען טייכל.

די שאָף ווערן לעמפּערטן.
ס'פּאַסטעכל — אַ שאָף.

ב

אַהינטער מיר די וואָלקנטורעמס
לויערן צעפינקלט אין די הייכן
ביז לעצטער אָפּשיין פונם מערב
ווערט אין זיי פאַרלאָשן.

ס'טאַנצט-אַרוים פונם חושך
די פרייהייט-סטאַטוע...

די שטאָט אַקעגנאיבער אין דער ים-ווייט
פאַרשלינגען האָט די נאַכט.
בלויז פייער-שנירלעך מיניען אינדערלופטן.

עלעקטרע-שילדן צאַפּלענדיק,
רייסן זיך פון אָרט און קאָנען נישט אַוועקפליען...

לייכטורעמס ראַנגלען זיך מיט חושך,
ווילן נאַכט צעשפּאַרן.

און שיפן —
אָנגעצינדענע לאַמטערנס,
ציען איילנדיק פאַרביי —
פאַרשווינדן.

פון הינטערן מיזרח
טויכט-אויף די זילבערזון פון נאַכט,
און כוואַליעס אין אַ זילבער-שטעג
לויפן מיר אַקעגן
מיט שטשירענדיקע ציינער...

*

באַנאַכט אין ניו־יאָרק
מייד איך אוים דעם שלאָף —
די בריק פון טאָג צו טאָג —
און אויפן שיפל פון מיין אומרו
זעגל איך אַריבער די פינצטערניש
צו די ברעגן פון אַ זונאויפגאַנג...

די לבנה אַקערט די וואָלקנס,
שפילט מיט שטראַלן־פינגער
אויף וואָלקן־קלאַווישן.

די וואָלקנטורעמס פאַרלירן זיך אין חושך
און זייערע לייכטנדיקע פענצטערלעך
דאַכטן זיך אָפּ:
פאַרבלאָנדזשעטע שטערן־סטאַדעס,
וואָס רוען באַם זוים פון דער ערד.

איינער אַליין אין אַ שיפל

איך בין איינער אַליין אין אַ שיפל
געשטיגן באַנאַכט אויף די ימיקע טרעפּ,
געשטיגן צום הימל.

און ס׳האָט זיך לבנה צעטווישט — מיריִאַדן לבנות,
און איך — זיך געגליטשט אויף איר מילכוועג...

און איך האָב אין דער שאַרף פון דער ימיקער קעלט
מיר די פינגער צעשניטן,
און אַ טראָפּנדל בלוט איז אין אָפּגרונט געפאַלן
און ס׳האָבן גענומען די וואַסערן זידן...

און פּלוצלינג אָט האָבן אין כוואַליקע פאַלדן
זיך נימפעס באַוויזן.

עס האָבן זיך נימפעס באַוויזן,
געמאַניעט מיט ווינק און מיט שמייכל —
און גיפטיק געלאַכט
וואָס איך לאָז זיך פון זיי נישט באַצווינגען...

ביז די וועכטער־מלאכים בײַ לעצטער אַשמורה —
אָנגעהויבן מיט טראָמפּייטן זיך איבערצורופן אין רוים,
און איינס נאָכן צווייטן פאַרטאָגיק געשפּינט אַ מעלאָדיע,
ביז איינציקווייז זענען פאַרשווינדן.
ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן.

האַרבסט

די בלייך-פֿאַרענדערט-שטראַלנדיקע הימלען אין די מאָרגנס,
די קילע, שאַרפֿע ווינטעלעך,
וואָס שטעכן אין די נאָזפֿליגל, דעמאָנען שוין אין פֿראָסט,
זיי דאַכטן-אָפּ מיין ווען,
אַז גרוי-געהילטע טינקל-סילועטן
וואָגלען-אום אויף וועגן
און לאַנג מיט אַ פֿאַרביינקטער שאַלונג פֿון טרומייטן
געזייגענען דעם זומער...

ווי פֿויל און שלעפֿעריק אין גלייכגילט
די פֿעלדער זענען, די פֿאַרוויאַנעטע און גרויע.
די פֿייגל — אומרויִק, דערשראָקן
אין פֿאַרגעפֿיל: „געפֿאַר!",
און ביימער, אַ, די ביימער,
זיי צאַנקען-אויס ביז לעצטן, לעצטן בלאַט,
זיך וויגנדיק מיט שטיל געבעט צום הימל.

נ'אַז טאָג מיט שלאָבעריקער האַנט
צאָלט-אָפּ די זון דעם מערב
און בלייבט אַ ווײַלע שטיין אַ בלוי-פֿאַרגאַפֿטער
זיך איינצוהערן ווי די אָוונטשיין —
— דער ראָזער שטאַרבנדיקער שוואַן
דערזינגט זיין ווידוי-ליד
און באַלד פֿאַרגייט, פֿאַרגייט אַליין אין מערב
אַ ציטריק-בלייכער שאָטן,
באַנעמט די פֿעלדער אַזאַ גליוועריקע שטילקייט
אַז ס'דאַכט זיך אויס: די ערד,
אין אָפּליכט פֿון לבנהדיקן אויפֿגאַנג,
אַ טויטן-מאַסקע איז
מיט צוגעמאַכטע אויגן...

ש י ר אַ י אַ

ווי לאַנג

ווי לאַנג אַז איך וואַנדער־אַרום אויף פאַרלוירענע וועגן?
איך קום פונדאַסניי אָן צו מעשה־בראשית.

דאָ שטייט דער טאָג אומפאַרגייִיק.
און ס׳לעבט נאָך אויף יעטוועדן שטעג פון גן־עדן
מיין אומשולד און תמימות.

דאָ בינדט מיך אַ שטערנשטראַל ווידער צו דיר.

ס׳האָט דיין בליק מיך פאַרוווּנדיקט מיט שירה
און ס׳רופט דיך אָן אויפהער מיין יינגלשע שטים,
ווי אַ פויגל,
כדי דו זאָלסט מיך נישט פאַרלירן...

און פונסניי טוסטו קומען צו מיר
און דיין וואַרעמער אָטעם ווי זייד גלעט מיין אויער.
און תאווהדיק רוימסטו מיר איינעט אַ סוד
וויאַזוי אין דיין טראַכט כ׳זאָל אַ נאָכשפּראָץ פאַרזייען...

דיין סוד צינדט מיך אָנעט — אַ שׂריפה.
אַ שיכּורן פירסט מיך אַריין אינם אָפענעם מויל פון אַ פעלז.
עס לויכט־אויף די הייל פון דיין בליק.

ווי אַ מלאכטע,
לייגסט זיך פאַר מיר אויף די פליגל
און טראָגסט מיך אוועק אין די ספערן.

מאַיקע נאַכט

די מאַיִקע נאַכט שווייגט מיט צוזאָג אָן סוף,
ווען גאָט פּירט דעם זילבערנעם אַקער
אויף די פעלדער פון חושך.

איך נידער־אַראָפּ מיטן וועג,
ווו די גילעד־בערג טראָגן דעם טייך מיר אַקעגן —
אַ שוימיקן בעכער.

באַם ברעג אין אַ שיפל
וואַרט, אַ דערגרייכטע, שולמית באַנאַנד מיט מיין יוגנט...

ס׳דערקענען זיך אונזערע בליקן
און דעם רודער פּאַרטרוי איך די ווינטן...
מיר שיפן זיך, שיפן זיך נענטער
צום שוועל פון גן־עדן.

איך בין די זומערנאַכט

א

איך בין די זומערנאַכט,
וואָס זינגט-אַרום מיט שטערן
פון דער טיפעניש פון טײַכן
און פאַרפלייצט דיך מיט בלויע עקסטאַזן
ביז איבער די ראַנדן.

ב

דו ביסט אָנגעלאָדן מיט שטורעם
פון ערב אויסברוך,
און אָנגעשפּאַנט-וואַך דיינע גלידער.
ביים מינדסטן באַריר
לויפט-דורך אַ ליכטשטראָם דיינע בלוטן.
צאַפּלסט-אויף און וויברירסט ווי אַ סטרונע...

ג

אַמאָל באַווייזטו זיך,
ווי אירים, אין אַ רייגנבויגן-בריק,
ווי דו גייסט מיר אַקעגן.
אין דיין האַנט אַ בלום פון דער צוקונפט,
וואָס האָט נישט קיין נאָמען...

מיין געביין ווערט דערקוויקט פון דיין אויסזען,
און איך טאָק מיין ליד-געזאַנג
מיט לעפצן פון באַגינען.

איעדן טאָג

איעדן טאָג
טינק איך איין מיינע פינגער אין שטויב
פון ערד־גרויע זאָרגן.
איך טראָג זיך אויף כוואַליעס פון גאַסן־גערויש
צו דעריאָגן די שטילקייט און רו
פון אַ וואַרעמען ווינקל...

פלוצלינג פאַרטשעפּעט דיין בליק מיך,
וועקט־אויף פון דער וואָכיקייט גרויער.
איך פּלאָנטער זיך לאַנגזאַם אַרויס פון די אַלע גערוישן
און בלייב אויסגעניכטערט
אין וואַרוועלט פון חלום,
ווי איך אומבאַשריינקט בין דער הערשער...

און דעמלט —
כ׳דערפיל זיך פונסניי דיר געהייליקט...

און אַריינגעשטראָמט ווער איך פונסניי
אין דיין געטלעך געשטאַלט,
אין דיין אומגעשטילט זון־אויג,
אין די האָר דיינע בלויע...

פרימאָרגן

ס׳האָט עמיץ מיך דערחלומט —
אַ ייִנגער מלך פון פאַרטינקלטע צייטן.

איך שטיי אויפן פעלזנשפּיץ
אַריינגעשטאַרט אין שטילקייט פון דער נאַכט
און וואַך מיט צוגעמאַכטע אויגן.
באַ מיינע פיס שלאָפן פאַרשטיינערטע פעלקער.

די קרוין אויף מיין קאָפּ
איז מיר פאַרבליבן פון אַ ליקוי־לבנה.

ביז וואַן עס שטילט זיך אוים די נאַכט
און איך דערהער דאָס ברעכן זיך אויף טאָג,
דעם אָפּהילך פון די טריט
פון דער פרינצעסן פון באַגינען.

אויפגעשמייכלט פון איר דרימל
צו׳ן אַ ליבע, אייביק־פונדאָסניי,
איילט זי ציטריק מיר אָקעגן,
פאַרלירנדיק די שלייערן פון חושך...

אין דער שעה פון באַגינען

איך האָב דערוואַכט אין דער שעה פון באַגינען
און מיט אַ זון־שיפל
זיך אַוועקגעלאָזן איבער וואַסער־וויסטעניש
דיך צו געפינען.

דורכגעאַקערט האָב איך אַלע זיבן ימען.

ערשט מיט דער נענטערונג פון מיין אָוונט,
זיך אַהיימקערנדיק אַ מידער פון מיין וואָגל,
האָב איך דיך דערזען אין דיין גאָרטן
אין פולן בלי פון דיין יוגנט.
דו האָסט מיט דיינע פערל־ציין
אַ רויטן עפל איינגעביסן
און מיט שעלמישן ווינק מיך גערופן...

איך זאָמל טראָפּנווייז דעם האָניק

איך זאָמל טראָפּנווייז דעם האָניק,
כּדי זאָלסט קאָנען אים פאַרשווענדעריש געניסן.

יאָרנלאַנג בליִען מײַנע טרויבן
צוליב אַ רגע דערקוויקונג פאַר דיר.

ווען דײַן פּנים פאַרלירט דעם שמייכל,
בין איך די זאָרג.

אַלע וועגן, ווּ סע וואַנדערט מײַן בענקשאַפט,
פאַרקערעווען צו דיר.

נישטאָ אַזאַ רגע,
וואָס צוליב איר זאָל איך דיך פאַרשפּעטיקן.

דו ביסט דער טײַך,
ווּ איך וואַנדער בײַ זײַנע ברעגן,
כּדי זיך צו שפּיגלען אין אים...

דו ביסט מיר באַקאַנט
פון נאָך איידער דיך האָבן געזען.

אַלט ווי דער טאָג,
געפין איך דיך שטענדיק פונדאָסניי.

דאָס איז מײַן געזאַנג צו דיר,
ווען איך האָב נאָך אַזויפיל אייביק
דיך ווידער באַגעגנט
אויפן צוויי־קאָליריקן וועג פון פרייד און טרויער.

ווען דו ביסט נישטאָ מער

פון דער גאַנצער אַזאַרט-שפּיל
האָב איך אָפּגעשפּאָרט דיין ליבע.
זי וואַכט איבער מיר און באַגלייט מיך,
אפילו ווען דו ביסט נישטאָ מער.

האָסט פונאַנדערגעוויקלט זיך מיר — אַ מגילה.
און איך לייען דיך נאָך איצטער
אַ שורה נאָך שורה,
וואָס האַלט מיך פאַרכּישופט,
אפילו ווען דו ביסט נישטאָ מער.

דו פאַנגסט מיך כּסדר כּדי צו באַפרייען;
און באַפרייט, טוסטו ווידער מיך פאַנגען,
אפילו ווען דו ביסט נישטאָ מער.

אַיעדן פאַרנאַכט

אַיעדן פאַרנאַכט אויף מיין סתם־וועג,
ווען איך נידער־אַראָפּ צו דעם ים־ברעג,
מיד פון געטומל און קלימפּער,
און דער טאָג לאָזט־אַראָפּ זיינע ווימפּער,
זינגט דער ים מיר דאָס אייגן געזאַנג ווי אַמאָל,
ווען זיין קילער קרישטאָל
האָט געלאַשטשעט ראַיזאַן, איר טאַליע...

אויב, ים, דו באַהאַלטסט איר געלעכטער,
און געבליבן דער וועכטער,
הער איך זי לאַכן אין גערויש פון דער כוואַליע...

*

איינער אַליין אין פֿאַרנאַכט בײַ דײַן קבר.

באַנג וויברירן די כוואַליעס פֿון טאָג —
זיינע לעצטע אַקאָרדן.

דער מולד, פֿאַרקיקט אינם טייך,
גאַפֿט.
עפּעס זעט ער דאָרט וווּנדער פֿאַרלויפֿן...

ווי לאַנג איז, ראַיזאַ, אַז דו האָסט געגלאַנצט
אויף דער בינע,
געפֿלאַטערט אין טאַנץ
מיט די טענער פֿון פֿידל,
פֿאַרווישט די גרענעץ
צעווישן געזאַנג און באַוועגונג...

איצט ליגסטו אַנטשוויגן.
איבער דיר
וויגט זיך אַ בוים
מיט פֿאַרבראָכענע פֿינגער.

*

שוין לאַנג אַז ס׳זענען אַנטשוויגן פאַר דיר
די יאָען פון די לעבנסקוואַלן.

דיין גאָרטן, פאַרוויאַנעט אין טאָג פון דיין אויפהער,
בליט שוין ווידער,
ווי גאָרניט געשען...

און איך גיי נאָך אַלץ שפּאַצירן מיט דיר
אין טעג, וואָס איך האָב פאַרלוירן.

דיין שיינקייט גליט־אויף
נאָך זיבן מאָל שענער
אין דער שקיעה־שעה,
ווו דו ביסט נישטאָ מער.

דיין בריוו

צו לייענען דיין בריוו איז מיר שווער.
שוין גרינגער — די שפּור פון דיין טרער...
גייט־נאָך די פאַרלוירענע טריט
פון טינקעלן רייטער אָט־דעם. —
מיט זיין חלום געבויגן אין ברעם,
ער איז מיט זיין וווּנדיקן פאַנג
אַנטרינען אין זונענפאַרגאַנג.

אַ בילד

די נוד זיצט אויפֿן בערגל,
אין שאָטן פֿון אַ בוים,
אַליין
אין איר קינדישן חן
דער פֿרילינג...

דער סאַטיר
מיט זיינע הערנער, אייזלאויערן
בײַ אירע פֿיס
ליגט אויפֿן בויך,
זיין עק אויפֿגעשטעלט —
אַ בייטשל...

זי שפּילט זיך אומשולדיק מיט אירע בריסט,
זיי שיצנדיק קאָקעט מיט די הענטלעך.

און ער
מיט הינטישער חניפה
קיקט אויף איר שיקלדיק.
זאָל זי נישט מערקן
דעם שפּאָט אין זיין בליק:

„ביסט בײַ מיר אין די הענט,
מיט דיין יעדן געדאַנק
און געפֿיל,
מיט דיין יעדן באַוועג"...

1936

שיראַיאַ

די ערד,
אירע וועלדער און טייכן,
דער טאָג און דער ווינט,
און דער מענטש, און זיין גאַנג, —
דאָס איז דאָס געזאַנג,
וואָס געזינגען אַמאָל האָט שיראַיאַ...

ווען שיראַיאַ איז אַוועק אין דער אייביק,
האָט איר נשמה — אַ בליץ —
זיך פאַרטאַיעט אין פידל.

און ווען איך טו אַ פיר
מיט בויגן אויף סטרונעס,
דערהער איך: דער בליץ
ווינט-אַרוים פון דער פידלשער טיפקייט...

עפר ואפר

האַרבסט

איעדער האַרבסט באַ מיר אַ יום־טוב איז פון טרויער
און פייערן איך טו אים מיט אַ ליד.

איך גיי אַרום אין זוניק־בלייכן טאָג
אין געסלעך שווינגיקע פון חיפה
און מאָדנע אַ פאַרלאַנג אין מיר זיך וועקט:
דערמאָנט זיך פּלוצלינג אין מיין ווייטן אָפּשטאָם־אָרט,
מיר ווילט זיך זיין אַצינד אי דאָ אי דאָרט...

איך וואָלט געוואָגלט איבער זיבן ימען
צו הערן דאָס געשאָרך פון געלע בלעטער אונטער מיינע טריט
אויף שטעגלעך איינזאַמע פון דעזאָלירטע פּאַרקן.

אַרומגעבלאָנקעט וואָלט איך איצט אין סטעפּעס בעסאַראַביער —
ביז וואַן מיין היימשטאָט טוט פאַר מיר זיך אַ צעוויקל
אויף הויכן ברעג פון נעסטער,
ווו זומערלעב אויף זיינע כוואַליעס
און ווינטער אויף זיין גליטש
געהילכט האָט מיין געלעכטער.

נאָר ס׳פאַלט דער אָוונט צו אַן עלנטער און שטומער
און ס׳וואַקסט מיין אַנגסט מיט יעדן טראָט.
— — — — — — — — — — —
נישט געסלעך לעבעדיקע ווימלען־אויף, לאַמטערנדיק מיר גריסן —
סקעלעטן בלויז פון חורבות שטאַרצן אומעטום
און רויבן־אוים מיין דמיון...

ווו אַהינגעקומען זענען זיי, די היימיש־פּנימער,
די ראָד געוועלבן רונדאַרום דעם מאַרק,
די שטוב, ווו ס׳האָט מיין אויג דערזען דאָס ליכט פון טאָג.
די רוישיקע שפּאַציר־גאַס?

ניׁשטאָ די שילן מער, דאָס אַלט בית־מדרש,
ווּ ייִדן זענען נעכט דאָרט אויף געווען
(אין תּהילימדיק צענויפגעוויין).

סע שאָטענען זיך שטיבער ווּ־נישט־ווּ,
נאָר בייזער ווינט
אַרויסגעביסן האָט פון זיי דאָס לעבן,
וואָס האָט, מיר דאַכט, געבליט פון אייביק אָן.
און כ'וויים נישט ווי דער טאָג קאָן זיין דאָ טאָג,
און נאַכט קאָן זיין דאָ נאַכט אָן ייִדן.
און בלויז לבנה פייערט זייערע יום־טובים.

טיף אין די האַרבסט־נעכט

טיף אין די האַרבסט־נעכט
איך וואָגל־אַרום איבער חרובע שטעטלעך.

אַ בלוטיקער שטראָם, ווי אַ פייערשלאַנג,
לויפט מיינע טריט נאָך, פאַרלויפט מיר די וועגן.

ווי לאַנג ערשט אַז דאָ האָט געשפּרודלט מיט לעבן,
אַז ס'האָט זיך געשנירלט לאַנגאָניקער ניגון
און היימיש געוועזן איז דעם וואַלד און די סטעפּעס
דער וואַרעמער קלאַנג פון מיין לשון?
ווי לאַנג ערשט אַז דאָ האָט געצוויטעט מיין יוגנט?
און איצטער — די סאָווע בלויז נעסטיקט אויף חורבות
און ס'לויערט די ווינטמיל פאַנטאָמיש
מיט פליגל צעבראָכן...

מיר דאַכט זיך, אַז גאָט וואַנדערט־אום אין פאַרלאָזענע געסלעך,
פון אַנגסטיקע קולות געשטייניקט,
און וויינט...

אַ שיל דאָ — אַ זכר לחורבן,
וווּ אייביק פאַרשטומט איז דאָס קול פון בעל־תפילה;

אַ תורה, פאַריתומט,
וואָס האָט מערנישט ווער זאָל מיט איר זיך דאָ פרייען;

אַן אַלטע מנורה,
וואָס ס'איז מיט איר אויסלעש
פאַרלאָשן געוואָרן דאָ אַלע שבתים...

ליד וועגן געוויין פון געוויינען

ס'האָט מיכל
אין אַ טאָג, אַזאַ גרויליקן,
אַרויסגעיאָגט זיי פון די שטיבער
און באַוואָפנט מיט בייטש און מיט בליץ,
טרייבט אין די גריבער.

ווי פינקען פון שטיין אויף אַ שטיין
מיכל שלאָגט־אַרום אַ געוויין נאָך געוויין.
בלאָנדזשעט געוויין פון געוויינען
אויף עלנטע וועגן,
וויל זיך אַ הייב טאָן אין הייכן,
צום בורא דערגרייכן...

אַ קינד שלוכצט: „אוי מאַמע, וווּהין?".
ס'געשלוכץ ווי אַ וואָלקן פאַרצערט
די זון און פאַרטינקלט די ערד.

אַ זקן אַלץ טענהט: „פאַרוואָס
פעלט־אוים אויף דער ערד פאַר אונז אָרט!".
און ס'ענפערט די קראָ אויפן בוים
און די וויסטקייט פון תהום:
„באַלד, אַלטעטשקער מיין,
איינגאַנצן די ערד וועט זיין דיין...".

און געוויין פון געוויינען דערהינקט
און גוססט, און צאַנקט, און זיך דינגט,
ביזוואַנעט, פאַרלאָזן פון טאָג,
אין אייגענע טרערן זיך טרינקט —
און פאַרזינקט... און פאַרזינקט...

דיינקמאָל

נישט פון גראַניט,
וואָס איז שטום אַפילו ווען ער רעדט...
נאָר פון ביינער, ביין אין ביין אַריינגעוואַקסן,
זע איך אויפגעשפּיזט אַ טורעם,
דורכזיכטיק־לויטער,
ביז אין די וואָלקנס...
און ס׳שטראָמען־אויף אין זיי די בלוטן
פון אַלע קדושים,
וואָס תּהומיק זייער צאָל איז,
און אין אייביקן זאָט צירקולירן ווי פייער
און באַלייכטן די נעכט —
אַ פייער־פאַנטאַן,
אַ בליץ, געפאַנגען אין זיין אייגענעם צאַפּל,
אַ דאָרן אין אויג פון דער וועלט.

אין טאָג פון נצחון

די וועלט וועט צעיובלען זיך הילכיק. און איך —
ווי העל זיין? און פריי ווי?
אַז קלאָר איז שוין איצטער: נצחון צי נישט, —
פאַרשפּילט האָב איך סיווי!

די וועלט וועט דערוואַכן אַ יינגע, דערפרישט
אין טויען פון וווּנדער.
צו מיר וועלן קומען באַנאַכט אין מיין שלאָף
געשאָכטענע קינדער

און שטרעקן די הענטלעך, און מאָנען בא מיר
מיט קולעכלעך טריבע:
„פאַרוואָסער אַ זינד איז דאָס אַלץ אונז געשען,
פאַרוואָסער אַ סיבה?!".

און איך, וואָס פאַרשיכּורן פלעגט מיך דאָס ליד
ווי טייערער בושׂם,
דערזען וועל זיך פּלוצלינג: געבליבן בין איך
אַ דיכטער — אַ יתום.

און אַנשטאָט צו זינגען צעפינקלט, צעשטראַלט
און שפּיליק, באַלאַדיש,
סע איז מיר געבליבן אַן אייביקייט לאַנג
צו זאָגן נאָר קדיש.

וואָס דער באַרג דערציילט*

באַלאַדע

אַריינפיר

איר הערט, מיין פריינט, איך בין אַ באַרג,
וואָס נישט פון היינט אַז אויף מיין קאַרק
דעם מענטשן טראָג... און דאָך מיר דאַכט,
אַז אין זיין חושכדיקסטער נאַכט
האָט נישט געפלאַקערט אַזוי שוואַרץ
דער ים פון שינאה אין זיין האַרץ,
און אין זיין בלוט זיך נישט צעברומט
אַזוי די חיה, און צעקרומט
דעם פּרצוף זיינעם קעגן זון.
ניין, נישט געזען, געהערט דערפון,
אַז זיין נשמה, זיין געדאַנק
זאָל זיין אַזוי פאַרדאַרבן, קראַנק,
פאַרבלאָנדזשעט אין אַ מידבר טיף,
אין תהום געזונקען ווי אַ שיף...

* די פאָדערשטע קינדער פירן די דייטשן צו׳ן אַ ברעט, וואָס הענגט ווי אַן הוידע איבער אַן אָפּגרונט צווישן בערג. אָט גייט־אַרויף אַ ייִנגעלע, גיט זיך אַ הוידע און ווערט נישט; אָט אַ מיידעלע... און ווערט נעלעם...

י. ראַבין

א

ס׳איז געווען ערשט דאָ ניט לאַנג.
ס׳האָט דער שונא אין זיין „דראַנג״
זיך געטראָגן איבער ערד,
ווי אויף פייערדיקן פערד
וואָלט געטראָגן זיך דער ריך,
און געלאָזן הינטער זיך
חורבן, אומקום, צוואַנג און יאָך,
וויסטעניש און בראָך אויף בראָך.
ס׳איז געווען אין יענע טעג:
אומגעצוימט און אָן אַ ברעג
אויף דער ערדס צעגרינטער הויט
האָט צעהוליעט זיך דער טויט,
און אין פינצטערלעכן גלוט
האָט פאַרכלינעט זיך מיט בלוט
דער צעווילדעוועטער פיינט.
איך געדיינק עס נאָך ווי היינט:

אין אַ שיינעם אינדערפרי,
ס׳שטייט די זון אין פולן גלי
שוין אויף מיזרח — אויפן פליין
כ׳זע אַ מחנה קינדער גיין.
אויפגעזאַמלט באַ דער נאַכט,
באָרוועס, הינגעריק, פאַרשמאַכט,
און די פּנימלעך, באַחנט, —
בלייך, צעשראָקן און פאַרווינט.
און מיט בייטשן באַ דער זייט
גייען שוואַרץ־געקליידטע לייט.
און איך קיק און גלויב מיר קוים:
איז עס נישט אַ בייזער טרוים?
און עס שטיקט מיך אַ געשריי —

יאָ, צו מיר דאָס פֿירט מען זיי!
ס'איז דער וועג פֿון זון צעגליט
און דער זאַמד די טריטלעך בריט.
ווער דערצו נאָך טראָגט פֿאַראיינס
זיינס אַ שוועסטערל אַ קליינס
אויף די פּלייצעס, ווער באַנאַנד
פֿירט אַ ברידערל באַם האַנט.

און ווי נאָר צו מיר גענענט,
האָב איך אַלעמען דערקענט!
אָך ווי אָפּטמאָל אויף שפּאַציר
קומען פֿלעגן זיי צו מיר
מיט דער לערערן פֿון שול.
ס'איז מיין שוים געוועזן פֿול
מיט געלעכטער יינגיקן,
זאַפּטיקן, און קלינגיקן,
ווען זיי פֿלעגן אין צעלאָז
שטיפֿן, קוליען זיך אין גראָז.
יאָ, די יינגע בלימעלעך
זענען דאָך די סימעלעך,
משהלעך, ציפּורהלעך,
יאַנקעלעך, און דבורהלעך!

ב

הייבט אַ קינד אויף אַ געוויין,
בלייבט עס וויינען נישט אַליין.
ס'וויינט־אַריין אים אינדערמיט
באַלד אַ צווייטס, און באַלד אַ דריט,
און אין לויף פֿון רגעס נאָר
וויינען אַלע שוין אין כאָר:

„ווּ איז מאַמע, מאַמעניו!
אוי וווּהין פירט מען אונז אַדאָ!״.
נאָר די שוואַרצע מענטשן-הינט
זאָגן, אַז מ׳עט יעדן קינד
טײלן קיכעלעך מיט טיי
און דערנאָכדעם ברײנגען זײ
צו דער מאַמען... און דערבײ
טוען אין דער זײט אַ שפּײ...

ג

אָנגעקומען אויפן אָרט,
זעצן זײ זיך אוים אַדאָרט
אויף דער גרין-באַגראָזטער ערד,
ווי די שײפּעלעך אַ הערד,
און מיט פּחד-בליקן שטום
קוקן זײ זיך שאַרף אַרום,
נישטערן און זוכן שוץ,
פילן-פּאָר דאָ נישט קײן גוטס...

שטיל און שלווהדיק אין בלי
שטײט דער זומער-טאָג אין גלי.
ס׳איז די זון שוין אויף איר בויך
ווײט פאַרקראָכן אין דער הויך
און מיט שפּעדיקן שטראַל
גלעט זי, צערטלט יעדן קוואַל,
יעדער גרעזל, יעדן בוים,
אײנגעוויגט אין זיסן טרוים.

ד

באַלד דערזעט מען פון אַ הויז

קומט-אַרויס אַ מענטשן-מויז.
קליינגעוויקסיק, קורצע הענט.
גלייך צו זיי די טריט געווענדט.
און ער טוט אַ נעם געשווינט
פֿאַרן נאַקנדל אַ קינד
און מיט ווילדן אויגן-גלאַנץ
פֿירט ער עס צום טויטן-טאַנץ...
און אין גרוילעניש דאָס קינד,
פֿילנדיק סכּנה בלינד,
ס'פּנימל באַהאַלט, פֿאַרשטעלט
מיט די הענטלעך פֿאַר דער וועלט...
ווערט זיך, וויינט. סע וויל נישט גיין:
„מאַמעניו! אוי ניין, אוי ניין!".
קומט ער נאָכן צווייטן קינד,
פֿרעגט די מענטשן-מויז אַצינד:
„ווילסטו קוכן?" ס'קינד איז קראַנק
און, גענאַרט, זאָגט: „יאָ... אַ דאַנק!",
שמייכלענדיק דערביי פֿאַרשיימט...
נעמט ער אָן דאָס קינד, פֿאַרקלעמט
אין די לאַפּעס זיינע צוויי.
באַלד דערהערט מען אַ געשריי,
פֿאַלט אויף אויערן פֿאַרשטאָפּט:
„לאָזט מיך אָפּ, אוי לאָזט מיך אָפּ!".

ה

איבער שווינדלענדיקער טיף
פֿון אָן אָפּגרונט, ווי צום שטיף,
שטייט אַ הוידע אָנגעברייט.
אויף איין עק אַ היינקער שטייט.
מיט זיין מאָרדע קאַנטיק, גרויס,
זעט ער ווי אַ בולדאָג אויס.

און די מענטשן־מויז אַצינד
ווי זי פּירט נאָר צו אַ קינד
און זי בייטשט עס, בייטשט־אַוועק
צו דער הוידעס צווייטן עק,
טאַנצט דער קאַט אַראָפּ געשווינט
פון דער הוידע... און דאָס קינד,
ווי סע ציטערט, זשיפּעט קוים,
טוט אַ גליטש זיך, פאַלט אין תהום — — — —

און דערנעבן, ווי פון האָלץ,
שטייף, און קאַלטבלוטיק, און שטאָלץ,
שטייט אַ דריטער... און ווי רינד,
פאַרנאַטירט ער יעדער קינד
אין זיין ביכל מיט אַ נול,
שטימען זאָל גענוי די צאָל...

ז

פריינט, צי האָסטו אַ באַגריף
וואָס געשען איז אין דער טיף
פונם אָפּגרונט, אויפן דנאָ
אין איענער שווארצער שעה ?..
זע ! ווי טראָפּנס פון אַ וווּנד,
פון אַן אָפענער, צום גרונט
פאַלט און פאַלט אַ קינד נאָך קינד.
און דער היינקער גלייך ווי בלינד,
טויב און שטום, איז גאָרנישט קאַרג...
און עס וואַקסט און וואַקסט דער באַרג
לעבעדיקער קינדער־ברוך —
אַזאַ באַרג געוואַלד און פלוך,
באַרג געכאָרכל, באַרג געשריי,
באַרג מיט וווּנדן, באַרג מיט וויי !..

*

און אין די לבנה־נעכט,
ווען פון קיינעם ניט פֿאַרשוועכט
איז די טיפֿע שטילקייט דאָ,
און עס שלאָגט די טרויער־שעה,
וועקן זיך פון קאַלטן שלאָף
טויטע מאַמעס. שטייען־אויף
פון די קברים, און אָן צאָל
קומען אין הריגה־טאָל,
אין דעם אָפּגרונט... און אַרום
קינדער־באַרג זיך שטעלן שטום,
טאַפּן... זוכן... מיטאַמאָל —
אַ געיאָמער אינם טאָל,
אַ געקוויטש, און אַ געוויין,
אַ געקלאַפּ פון קעפּ אין שטיין,
אַ פֿאַרברעכעניש פון הענט, —
קינדער זייערע דערקענט...
פלעכטן זיי פון קנויל אַרויס,
און זיי צערטלען זיי אין שויס,
און אויף ליפּן טויטע ליפּ
טוט אַ פֿאַל־צו מיט געכליפּ:
„ווײ דער מאַמען, ווײ־און־ווינד,
ווינד־און־ווײ מיר פֿאַר מיין קינד!".

און מיט קעפּ פֿאַרוואָרפן קרום
צו דעם פינצטערן אַרום,
שטייען זיי דאָ ביז פֿאַרטאָג
און זיי וויגן זיך אין קלאָג.

נאָכן פייערשטורעם

א

און ווען דער פייערשטורעם וועט פאַריבער נ׳קומען וועט דער בורא
אַ קיק טאָן ווי סע גייט זיין פאָלק אין פוילן,
ער וועט אַרומגיין איבער שטעטלעך חרובע
און זוכנדיק אַ לעבעדיקן מענטש, געפינען גרוילן,

אַ גרוילן מאָנסטערדיק, געזייט אויף שריט־און־טריט
פון פלייסיקע נעאַנדערטאַלן, ברוינע —
און ס׳האָט זיי צוגעזען און רעכט נישט צוגעדעקט אפילו
די „מאַמע״ ערד — די זונה!

און פּלוצלינג, דורכגעדרינגען מיט זיין אויג די ערד,
ווי וואַסער, וועלן אים אַנטפּלעקן זיך די קברים,
וווּ לעבעדיק באַגראָבן ליגט זיין פאָלק, און מיט געוויין
וועט אויסשטרעקן זיין רעטנדיקן אָרעם.

נאָר שוין צו שפּעט... ער וועט דערזען דאָרט אָטעמס
אַריינגעהויכט אין ערד, אין קויט אַריינגעשטאָכן בליקן,
און קולות וועט ער זען פון מיילער אָנגעשטאָפּט מיט ערד —
דערוואָרגענע, נאָך צאַפּלען זיך און ציקן.

נ׳דערטראָגן וועט צו גאָט זיך אַ געלעכטער
פון גאָר דער וועלט אַרום, אין אַלע אירע עקן,
פון פעלקער חיהשע, וואָס שיכּור פון דער אָרגיע,
די מאָרדעס זיך באַלעקן...

און גאָט, פֿאַרצווייפֿלט, וועט פֿאַרברעכן מיט די הענט.
ער וועט אַ פֿרעג טאָן זיך אַ פֿראַגע מיט אַ טאָלק:
„פֿאַר וועמען מײַן באַשאַף און ווער וועט רופֿן איצט
מײַן נאָמען אַז פֿאַרלוירן כ׳האָב מײַן פֿאָלק!".

און גאָט וועט רײַסן קריעה, אָנטאָן אויף זײַן קאָפּ אַ זאַק מיט אַש
און גיין זיך זעצן שיבֿעה אין זײַן היכל.
נאָר ס׳וועט אַ נאָכרוף פֿון די קבֿרים אים צו וויסן טאָן,
אַז „דאָס מאָל זענען מיר דײַן קלאָג דיר מוחל, מוחל, מוחל!".

ב

ווען גאָט, שוין אָפּגעזעסן שיבעה נאָך זיין פֿאָלק,
וועט נעמען זיך אַרומזען וואָס אים בלייבט צו טאָן,
פֿאַרזאַמלען וועט ער די מלאכים און דערקלערן זיי: „דערמיט,
אַ ליכטלינגען געטרייע, דאַנק איך אָפּ פֿון טראָן!

סע איז אייך ווויל באַוווּסט, איך דאַרף אייך לאַנג נישט בריִען
ווי שווער צו זיין אַ גאָט אין אַזאַ תּהום...
סע איז דער ים פֿון ליידן שוין אַריבער זיינע ברעגן
און כ׳קאָן נישט צוזען מער די רישעות, האַלטן זי אין צוים".

און גאָט וועט אויסטאָן זיך דעם טלית מיט דער גאָלדענער
עטרה און די תּפֿילין זיינע... און פֿאַרשיימט
זיך שווערן ביי זיין שטראַלנדיקער באָרד־און־פּיאות
אַז „נישט אַזוי, ניין נישט אַזוי האָב איך געמיינט...

ווי מוראדיק מען האָט פֿאַראומרייניקט מיין יצירה,
פֿאַרשוועכט מיין כּבֿוד און צעטראָטן מיין געבאָט!".
אַ זאָג טאָן „זייט געזונט!" און מיט זיין שטאָק אין האַנט
זיך לאָזן איבער לענדער נע־ונד.

און וואָגלען וועט דער בורא איבער שטאָט און דאָרף,
פֿון הויז צו הויז צעטראָגן זיין געוויין:
„געהאַט האָב איך אַ פֿאָלק און מ׳האָט עס מיר פֿאַרלענדט,
געלאָזן אויף דער עלטער מיך אַליין"...

נאָר פֿול מיט שינאה און מיט בייזן שפּאָט
וועט טרייבן פֿון זיין שוועל אים יעדער גוי.
און גאָט וועט טיף פֿאַרנייגן זיך און שעפּטשען אינדערשטיל:
— ס׳איז גוט אַזוי, יאָ גוט אַזוי.

ג

אײן טאָג — און גאָט װעט זיצן אויף אַ באַנק אין גאָרטן
פֿון יעדער שטאָט... אַן עלנטער און מיד.
און ס'װעט אַ בינטל „ערנלייט" באַמערקן אים מיט אויגן
גזלנישע: „װי קומט נאָך דאָ אַ ייִד!"

און באַלד אַ נעם טאָן אים, אַ שלײדער טאָן צו דרערד,
און טרעטן מיט די שטיװול אים צעװילדעװעט און רוי.
און גאָט װעט שטיקן דאָס געשרײ אין זיך און פֿליסטערן:
— ס'איז גוט אַזוי, יאָ, גוט אַזוי.

ד

און גלייך דערהערן „אויף!”. און גאָט וועט אויפשטיין פון דער ערד,
צעדראָשן, און פאַרבלוטיקט, און דערשראָקן-ווילד.
און אָנטאָן וועלן זיי אַ געלע לאַטע אויף זיין אָרעם
און אויפן האַלז אים אויפהייגגען אַ שילד:

„איך בין דער לעצטער ייִד” און אונטער האַגלענדיקע קלעפּ
און שפּאָט אים פירן איבער גאַסן, שטום און גרוי,
און גאָט פאַרשטעלן וועט דאָס פּנים זיך פאַר שאַנד און חזרן
פאַר זיך:
— ס'איז גוט אַזוי, יאָ, גוט אַזוי.

ח

און פירן וועלן זיינע שלייגער אים אין זייער נעסט.
דאָרט טאָן פונסניי די פויסטן אַ צעשפּאָן:
— אַ זאָג, דו הונדערטמאָל־פאַרפלוכטער ייִד,
צי ביסטו נישט קיין פּאַרטיזאַן!

און גאָט וועט שווייגן שטום, ניט ענפערן אַ וואָרט,
און קיינעם נישט פאַראַטן אין דעם קאָן,
און זאָל מען אים מיט פייער גליען אונטער נייגל
און רייסן אים פון מויל אַ צאָן נאָך צאָן.

דאַן וועלן זיי אים ברייגנען, אַ געבינדענעם, צום שייטער,
און גאָט וועט רופן „שמע ישראל!..״ צו די הימלען בלוי.
און ענפערן וועט אים אַ ביקס... ער וועט אַ קרעכץ טאָן שטיל:
— ס׳איז גוט אַזוי, יאָ, גוט אַזוי.

ו

און ווי די ייִנגען אַרום שייטער וועלן שמעלצן זיך פֿאַר נחת
ווי „לעצטער ייִד" פֿאַרוואַנדלט ווערט — אַ הויפֿן אַש,
דערהערן וועלן זיי פֿון פֿלאַם אַרויס אַ בת־קול,
אַ פֿאַרכטיקן, געהיימנישפֿולן רעש...

און ס'וועט געשען אין יעדער שטאָט, אין זעלביקן מאָמענט:
עס וועלן זען די „ערנלייט" אין פּחד און אין צאַנק
ווי גאָט שטייט־אויף פֿון שייטער אין זיין לויטערקייט
און טראָגט־אַוועק די ליידן ווי דאָס טייערסטע געשאַנק.

אין טראַכט פון כאַאָס

אין טראַכט פון פאַרשאָלטענעם כאַאָס
געטאָן האָט דער שד דיך פאַרזייען.
פון פינצטערניש ביסטו געקומען,
אין פינצטערניש וועסטו פאַרגייען.

דיין נאָמען, דערוואַכט ווי אַ גרויליק
געשפּענסט פון דעם אוראַלט דעם ווייטן,
דיין גיפטיקער נאָמען וועט בלייבן
אַ קללה פאַר אייביקע צייטן!

ווי האָסטו דעם שטאָלץ און די שיינקייט
פון פעלקער באַפרייטע צעבראָכן;
און ריקנס, נישט לאַנג ערשט אַנטיאָכטע,
שוין איינגעשפּאַנט ווידער אין יאָכן.

די תאווה, די אורוואַלדיש־רויע,
געטאָן האָט דאָס בלוט דיינס צעשרויפן...
דאָך קאָנסטו די ערד און איר אָרביט
נישט צווינגען צוריקוועגס צו לויפן!

און ווייס, אַז דער טאָג פון דעם צייכן
אין צענפאַכן ליכט וועט צעשטראַלן.
און דאַן וועט אַ מעכטיקער אָרעם
דיר געבן דעם שטויס צו דיין פאַלן.

און פֿאַלן וועסטו ווי דיביימער
אין וואַלד, ווען מען האַקט בײַ זיי אונטער
די שטאַמען, און ווי די לאַווינע,
וואָס קייקלט פֿון בערג זיך אַרונטער...

אין טראַכט פֿון פֿאַרשאָלטענעם כאָאָס
געטאָן האָט דער שד דיך פֿאַרזייען.
פֿון פֿינצטערניש ביסטו געקומען,
אין פֿינצטערניש וועסטו פֿאַרגייען!

שטערן־לאנדשאפט

*

מיט זילבערנע, מיט טעלעסקאָפּ־טרומייטן
מיין בליק
גערופן האָט אין פינצטערן רוים —
גאָטס לאַבאָראַטאָריע.

איך האָב דערזען זיין האַנט פורעמדיק
הימלשע קערפּער.

און עמיץ דאָרט
אין בלויען דאַכט
מיר חלומט מיינע לידער
די,
מיט ליכט בלוטנדיקע,
און זינגענדיקע שטערן־שוואַנען.

סאַטורן

א

אַרום דעם ברעג פֿון דײַנע רינגען פֿליגלט מײַן געדאַנק:
ביסט אפֿשר אויך אַמאָל־אַמאָל געווען „לעבנס־קראַנק”.

אַצינד איז קײנעם נישטאָ בײַ דיר און דו אַלײן ביסט קײנעמס.
אין רינגען־פּראַכט געצירט, אין אײביק־בלענדנדיקער שלימות,

דו פּלאָנטערסט אין הקפות גלײַכגילטיק ווי אין באַגינען,
מיט די לבנות אַרום דיר — זיך ראָיענדיק ווי בינען.

קאָן זײַן: ס׳ע האָבן מענטשן דאָרט געלעבעט אויף דיר, סאַטורן,
און פּאַרביק האָבן זיך צעפֿינקלט זײערע קולטורן.

פּאָעטן — דײַנע שײנקײטן באַזינגען און געמאָלן
די נעכט פֿון ליכט־מיסטעריען, דײַנע טײַכן בערג־און־טאָלן.

קאָן זײַן: די מענטשן דאָרט — געלעבט, זיך מיִענדיק און גלײביק.
נאָר זײער אײביקײט בײַ דיר — אַ רגע פֿון דײַן אײביק.

ב

קאָן זיין: אין פּאַלאַצן פון מערמל און שפּיגל
געלעבט און געטרוימט האָבן מענטשן מיט פליגל.

געזען האָט דאָס אויג זייערס טיף אין די ספערן,
און הערן זיי פלעגן דעם גאַנג פון די שטערן.

מיט פרויען ווי פלאַם, וואָס פון פלאַם ווערט געלאָשן,
באַוועגט זיך אין טאַנץ, און געזאַנג — זייער לשון.

סע פלעגט זייער שיינקייט פאַרלייכטן די ווייטן,
און ס׳האָט זייער צייט טריומפירט איבער צייטן.

נאָר זון האָט געטאָן זיך אַ רוק און דערווייטערט,
און ס׳האָט זיך איר שייטער פאַר זיי אויסגעשייטערט,

און אַלץ, וואָס זיי האָבן צעבליט און געכאָוועט,
אין אייזיקן פאַנצער געוואָרן פאַרקאָוועט.

זיי האָבן דעם גלי און דעם גלויבן פאַרלאָרן.
אַליין זייער חכמה — פאַרפרוירן געוואָרן.

אײַנשטיין

אין קאָסמישע מרחקים געוואַנדערט האָט דיין גייסט
און אַנדערש האָסטו דעם שׂכל פונם וועלטבאַשאַף באַנומען.
האָסט פּוירהאַנגען צעפּראַלט פון נײַע האָריזאָנטן
און קנאָספּן אונז געבראַכט פון נישט־געאַנטע בלומען.

און דאָרט, ווו נעפּלען זענען נישט אַדורכצודרינגען
און דו האָסט זיך דערפילט — אָן אָדלער הינטער גראַטעס,
האָסטו געפּריווט דערגרינטעווען זיך מיט נגינה,
זיך דורכברעכן מיט סאָנאַטעס...

אַ נביא, הייליק און באַשיידן־שטיל
מיט קינדיש־טרוימערישע אויגן.
און יושר אַלץ געמאָנט פאַר אַלע די,
וואָס שפּאַנען דורכן לעבן אײַנגעבויגן.

אַ בריוו צו׳ן אַ ווייט־ווייטן קרוב

מיין טייערער קרוב,
אַ שפּאַן די ווייט פון יענער זייט השגה,
אין אַ וועלדל, אָנגעשפּאַרט אין אונזער זונפאַרגאַנג,
זיץ איך און שרייב דיר מיין בריוו.

מיר דאַכט זיך אַלץ אַז איך בין, אַ ליכט־שפּריייזיקער,
געווען באַ דיר צו גאַסט...
און אַז איך האָב, באַטרעטנדיק דידיייניקע ספערן,
געטראָפן דיך אין אַ שבת־פאַרנאַכט
שפּאַצירן אויף איינער פון דיינע לבנות.
דו האָסט מיך איינגעלאַדן צו זיך אַהיים
און אַ ווינק געטאָן די בלויע צווייקעפּיקע טויבן
צו ברייגנען מיר בלומען,
וואָס האָבן מיט זייערע דופטן מיין הינגער געשטילט
און אַנטפּלעקט מיר
דיינע אַלע דעראָבערטע סודות...

שרייב: ווי גייט עס דיר,
צי האָסטו נאָך געניג פלאַם אין דיין זון,
צי אויך באַ דיר איז דאָס נישטווערן
דיין אַנטרין...

לויט מיין נייגיר צו קענען דיין אָנבליק,
דערקען איך דיין נייגיר.
איך לעב דיין עלנט,
ווי דו ביינקסט מיין ביינקשאַפט...

די זונען פון מיין חלום

מיטן רייגנבויגן־פייער פון געזאַנג
גלימערן
די צאַנקענדיקע זונען פון מיין חלום.

אויף יענע זונען
זענען פייערדיקע שטעט פאַראַנען
מיט פייער־טעמפּלען
אויף זיילן פון פייער.
און איבער פייערדיקע גאַסן,
אין פייער־קליידער אויסגעפּיצט,
באַוועגן זיך מענטשן פון פייער,
פון דעם רייגנבויגן־פייער פון געזאַנג.

מיטן רייגנבויגן־פייער פון געזאַנג
גלימערן
די צאַנקענדיקע זונען פון מיין חלום.

באַ דער זייט פון מילכוועג

1

די ערד — אויף רייגנבויגנס צוויי,
זיבן בליצפערד אין געשפּאַן,
דו — אַנטרייבער...
דו יאָגסט אויף זילבערדיקן אָרביט-וועג
מיט דונער-פידלען אין באַגלייט.

און איך —
פּאַסאַזשיר פאַרנאַרטער?
דו פירסט מיך ערגעץ מיט
דורך ליכט-מידבריות
און חושך-וועלדער,
ווו שטערן-בערן לויערן,
שטערן-לייבן,
שטערן-הינט.

2

מיט וויפל צייט
נאָך איידער ערשטן אומקרייז פון מיין בלוט
אין דעם טונעלן-לאַבירינט פון מיינע אָדערן
באַשטימט דעם קאָסמאָס איז אַ היים אין מיינע אַפּלען?

איך — פאַרגופיקטער געדאַנק
פון קאָסמישער האַרמאָניע,
וואַנדער-אַרום אויף דער ערד
מיט דער זונס גענאָד
זיך וואַרעמדיק באַ איר ליכט,
ווי באַ אַ פייער באַנאַכט אין סטעפּ,
און שיק מיינע גריסן אויף שטראַלן פון שטערן
צו'ן אַלע אין-סופן...

3

איך בין דער ניגון פון דיין זונפּליִיט,
דיין אויסגעוויין פון עלנט אין די רוימען,
אַן איבערוף פון צייטן,
וואָס ציטערט לאַנג און באַנג
ביז ווייטסטן טאָג.

איך וועל פאַרשווינדן
מיטן אויפהער פון דיין שפּילן,
ווען דער שטורעם פון כאַאָס וועט צייטיק
און די פליִיט וועט פאַרלאָשן...

4

דו, וואָס וואַנדערסט בײַ דער זייט פון מילכוועג,
אויסגעצירט אין דימענט-קרוין, אין דימענט-גאַרטל,
איין דימענט פון דיינע אוירינגען
איז אונזער זון...
און צווישן די פּלאַנעטן,
וואָס קרייזן אַרום איר,
איז אויך פאַראַן אַ פּינטעלע-פּלאַנעט —
די ערד...

צי גרייכט אַמאָל צו דיר דער רוף פון איר באַוווינער?

און אפשר:
מיינע תּפילות, טרוימען, און באַגערן
אָפּגעלייגט צו ווערן
קיום אין אַן אַנדער אייביק, אויף אַן אַנדער שטערן...

5

אײַער אָנבליק,
אײַער שמײכל —
נישט נײַ, נישט נײַ.
אַמאָל טוט אַ בליץ
איבער די פֿאַרנעפּלטע תּהומען
פֿון הינטער מײַן זכּרון,
אַז ערגעץ־װוּ האָב איך אײַך שױן געזען.
דערזעלבער אָנבליק, דערזעלבער שמײכל...
איך קאָן זיך נאָר נישט דערמאָנען
אױף אַװעלכן פּלאַנעט,
אונטער װאָסער אַ זון...

6

כ'האָב הײַנט באַשטעטיקט:
פֿון אַ שטערן,
װאָס דאָס ליכט זײַנס אױף יאָרטױזנטער פֿאַרשפּעטיקט,
טעלעװיזירט מיר עמיצער געשיכטע פֿון אַ מענטשנטום.

פֿעלקער, דאָרט שױן לאַנג פֿאַרלױרן,
זע איך: װערן ערשט געבױרן...

געזאַנג צו מיין ערד־פּלאַנעט

א

געשלייערט
אין וואָל פון דיינע ספערן;
זיך מיניעדיק
אין דיין פיל־פּנימדיקער שיינקייט;
די קאָנטינענטן,
אַרומגעזוימט מיט דעם געזאַנג פון אָקעאַנען;
באַהייטלט
מיט דעם וויבריר פון לעבן;
זאַפטיק ווי אַן עפּל;
און מיט דינסטע פעדעם
געבינדן צו אייביקן טאַנץ אַרום זון,
ווי לבנה — אַרום דיר, —
ווי אייביק־יונג דו ביסט,
דו מיט דיין צייט,
מיט דיין פורעם פון מענטש און זיין גייסט!

ב

און איך,
אייביק־יונג אַזוי ווי דו,
איך שפּאַן כסדר מיט אַ שפּאַן פאָרויס פון דיר
און נעם דיך מיט
מיט מיינע טריט...
ביז איך וועל דיך ווען־נישט־איז פאַרלירן.

דעמלט וועסטו אין פאַרצווייפל
אויפציטערן
מיט דיין גאַנצן געביין;

דיינע ימען,
אויפגעשפּרינגענע אין וואַסער־וועגט —
מיט גערעוו פֿאַרפּלייצן וועלן די יבשות...

נאָר דו וועסט ווידער מיך געפֿינען.
ווידער וועל איך זיין דערביי,
ווען אַלץ הייבט־אָן זיך פֿונדאַסניי...

ג

ביסט מער ווי לעבן...

מיט אַלץ, וואָס פֿאַרגייט
מאַכסטו זיך צו.
און אַנטפּלעקסט זיך
מיט אַלץ נייגעבוירנס.
אַלע רגעס —
באַ דיר בלויז אין רגע ;
אַלע מחשבות —
אַ פֿינק פֿון דיין חכמה.

ד

דו כאָוועסט אונז, צעבליסט אונז אויף דיין שוים
און פֿאַרליבסט אונז אין דיין שיינקייט.
ביסט רייך מיט אייביק,
אונז קאַרגסטו די רגעס.

װאַנדלער פֿון די רוימען

א

די װאַנדלער פֿון די רוימען. —
גיגאַנטן, אײנאַלײניקע,
מיט קאָנוס־קעפּ
און אומעטיקע אויגן,
װאָגלען זײ אַרום אין די אין־סופֿן.

און זעיִק זענען זײ —
אינגאַנצן אויג;
און הערעװדיק —
אינגאַנצן אויער;
און גיך איז זײער גאַנג —
אַזױװי דער געדאַנק...
כאָטש ס'נעמט באַ זײ אַ גאַנץ לבנה־יאָר
אַ װאָרט אַרויסצורײדן...

ב

אין שײנעם „טאָג"
געלאָזן האָבן זײ זיך,
אַפֿילו צו די גרענעצן פֿון תּוהו...
געװאַנדערט און געשפּאַנט עאָנען צײַט
און װען זײ זענען אָנגעקומען און
זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אכסניה־שטערן,
געװאָרפֿן גורל:
װער פֿון זײ באַטרעטן זאָל
די װיסטעניש פֿון װיסטעניש...

דער וואַנדלער, וואָס אויף אים
איז אויסגעפאַלן די נסיעה,
וואַגלענדיק אויף יענער זייט
פון צייט־און־רוים,
האָט אויסגעברענט אַ ווונד זיך אויף זיין אָרעם,
כּדי זאָל דינען אים — אַ צייט־מאָס.
נ׳געוואָרפן אַלעמאָל אַ רוף אין פּוסטן חלל,
אפשר וועט זיין מעכטיק און פּילקולותדיק געשריי,
זיך אָנגעשלאָגן אין אַ קערפּער,
ברייגנען אים אַן עכאָ...

נאָר ס׳איז פאַר אים געוואָרן קלאָר,
אַז אין דער חשכותדיקער וויסטקייט
געוועלטיקט בלויז דער קיינער...

ג

דאַן האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אין קאָסמאָס,
דעם קוים־באַלויכטענעם
פון די גאַלאַקטישע לאַמטערנס —
די גרין־און־רויט־געצינדטע אינזל־אוניווערסן.

און ווען זיי האָבן אָנגעצייכנט זייער וואַנדער
צו׳ן אונזער מילכוועג,
באַשלאָסן צו באַזוכן פאַר־איין־וועגס
די ספערן היימישע פון אונזער אָפּגעלייגטער זון.

ס׳האָט זייער וועג געפירט:

פאַרביי די שטערן־וואָלקנס,
וואָס טראָגן זיך, ווי כמאַרעס
זיך ראַיענדיקע בינען;

פאַרביי זיך קרייצנדיקע שטערן־וויכערס
מיט רויטע פליאַמעס — וועלטן,
זיך טרינקענדיק אין פייער ;

פאַרביי די שטערן־וועלטן,
וואָס יאָגן זיך נאָך זייער אייגן ליכט,
און בלוי אַזש אָנגעהורבט איז
דאָס ליכט זיי פאַר די טריט.

פאַרביי די אוניווערסן אויפגעריסענע
און זיך צעשפרייטנדיק אין רוים,
ווי פייער־קרעבסן...

זיי האָבן אָפט זיך אָפּגעשטעלט,
פון וווּנדער קאָסמישע באַנומען :

באַגעגנט האָבן זיי אַ זונען־פּאָר :
אַ זון מיט זון, אַרומגענומען זיך
מיט פייערדיקע אָרעמס, פירן־אויס אַ טאַנץ,
דערביי מיט פייער צייכנדיק דעם וועג —
אַ פלאַם־ספּיראַל, צעהאַנגען
אין פינצטערניש פון רוים...

באַגעגנט האָבן זיי אַ שטערן־פּאַווע־פּאָר.
דער פּאַוו צעפּעכערט האָט זיין עק.
און ווען די פּאַווע וואַנדערט אין זיין נאָענטקייט פאַרביי,
ער זינגט זיין ליב־געזאַנג פאַר איר...

באַגעגנט האָבן זיי אַ רויטן זון־גיגאַנט —
אַ קאָסמיש אויג, וואָס אין זיין אַפּעל
וווינט די חכמה...

באַגעגנט אויך אַ שטערן,
וואָס בייט אָן אויפהער די קאָלירן, לויט
די שטימונגען פון זיין באַוווינער —
דעם שׂר פון דיכטונג...

און אויך אַ שטערן — גאָר אַ שמיד,
וואָס האַמערט־אוים אַ שטערן־וואָזע.
מיט יעדן זעץ פון האַמער
צעפליען פינקען זיך — פלאַנעטן...

און גאָר אַ שטערן־בלום באַגעגנט.
סע דרימלט אין איר בעכער די נגינה.
זי וואַרט אויף דעם, וואָס אים באַשערט צו קומען
און זי וועקן...

נישט זעלטן אויך געטראָפן אַ פּלאַנעט,
פּולסירנדיק מיט לעבן,
ווי אונזער ערד.
און אויך געזען דאָרט מענטש־געשטאַלטן,
וואָס מיר אַ שוואַכער אָפּשיין זענען בלויז
פון זייער שלימותדיקער שיינקייט...

ד

אַדורכגעוואַנדערט
אַ היבשן טייל פון מילכוועג
און אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו׳ן אונזערע מקומות,
דערזען זיי ווי ס׳פּלאַטערן אַרום דער זון,
ווי זילבערדיקע טויבן, די פּלאַנעטן.
און באַלד געקאָנט זיי אונטערשיידן:

אוראַנוס מיט זיין פּעכלדיקער ווייסקייט.

יופּיטער, אַזאַ פּורפּורדיק־געשטרייפטן.
סאַטורן מיט זיין רינג־אין־רינג,
ווי איינגערעמט אין מיטן פון אַ פּאַנאָ־פּליט.
זיי טראָגן זיך אַרום דער זון,
זשאָנגלירנדיק מיט זייערע לבנות.

און מאַרס מיט זיינע בערג געראנדיקט,
ווי אָפּגעהאַקטע קעפּ...
ער הילט זיך שטרעקעסווייז
מיט גרינעם ווילדגעוויקס אין פרילינג.
נאָר ס׳בושעווען דאָ אומגעצוימט
אין די מידבריות די סאַמומען,
און וויכער־זיילן,
זיך שרויפנדיק צו הייכן אומגעהײַער,
וואַלסירן ווי פאַנטאָמען.
און קאַרג איז דאָ, אָן איינגעשרומפּענע, די זון,
וואָס קלעקט אויף נישט־קיין־לעבן, נישט־קיין־טויט...

און ווענוס.
אייביק איינגעהילט אין וואָלקנס ווי אַן אתרוג,
צאַנקען בליצן דאָ אָן אויפהער,
בליץ אין בליץ אַריינגעשנירלט,
און העפטן־אויס אַ צייט
פון ליכט־מוזיק...

און אויך מערקור.
ס׳האָט אויסגעזען זיי ווי די זון
וואָלט זיין אין אים „פאַרליבט".
זי האַלט אים, ווי אַ שפּין אין שטראַלן־נעץ פאַרכישופט.
דאָס פנים זיינס
נישט אָפּצוווענדן פון איר פלאַם.
בשעת זיין רוקן אויסגעשטעלט איז

צו גליווערדיקן חושך.

אַמאָל צערעוועט ער זיך אין רעוואָלט
און שפּייט מיט פייער,
ווען ס׳נעמען מעטעאָרן
זיין עלנטקייט באַמבירן...

זיי האָבן אויך באַמערקט
די פּאַווע-שטערן אונזערע,
וואָס קומען-אָן, ווי אויסשפּירער געהיימע
אַ שנאַפּ טאָן דאָ-און-דאָרט
און טראָגן באַלד זיך אָפּ,
ווי אָפּצוגעבן ערגעץ אַ באַריכט...

נאָר מער ווי אַלץ
געוועקט האָט זייער נייגיר אונזער ערד.

ה

דערנענטערט זיך צו׳ן אונזער ערד,
וואָס וואַנדערט אין איר שיינקייט אייביקער,
באַגלייט פון איר לבנה,
באַמערקן זיי:
אין בלויע אָקעאַנען-שפּיגלען
סע ליגן גרינע איינגעפּאַסט די קאָנטינענטן.
ס׳איז זייער אויבערפלאַך געקנייטשט
אין ווילדער פּראַכט פון באַרג-און-פעלז,
און ווו-נישט-ווו צעבלענדיקט
מיט גאָלדיקע און שנייִקע מידבריות...
און ס׳דעקן ערטערווייז די וואָלקנס דעם פּלאַנעט,
ווי מיט אַן אַבאַזשור,

אויף וועלכן זון פון אויבן שלאָגט מיט ליכט.
און ס׳קרייזט די ערד אַרום איר אַקס
טאָג־אויס — נאַכט־איין,
נאַכט־אויס — טאָג־איין,
און ס׳שווינדלען דאָ די טעג פאַרביי
ווי בליצן...

נאָר פלוצלינג האָבן זיי באַמערקט
אויף אונז, די פּאַסאַזשירן,
שוויבלענדיק אין שטעט,
ווי מערעשקעס אין זייער לאַבירינטן־נעסט.

דאַן האָבן זיי גענומען גייען אין הקפות
אַרום דער ערד,
מיט בליקן צוגענאָגלט צום וויברירנדיקן לעבן —
און זיך אַליין גאָר אומגעריכט דערזען
ווי אין אַ ברונען...
דערזען זיך —
און תּיכּף, אין אַ רגע, נישט געוואָרן.
אַוועקגעלאָזן זיך אין וואַנדער
צו שיינקייטן פון קאָסמאָס,
וואָס זענען דאָ, פאַר אונז
נישט מער ווי חלום...

תוכן

פון טאַטנס בעכער

מיין פאַטער 9
ווי לויטער 10
נאָך בלויט אין מיר . . . 12
תשעה־באב 13
דער טאַטע זינגט אַ וואָלעך . 16
באַ דער ראַדיאָ 18
דערמאָנונג 19
און ווען איך ווער מיד . . 20
אַ בילד פון ייִנגע טעג . . 21
נישדאַיקער מענטש . . . 22
אַז מען רופט, דאַרף מען גיין . 23
סאָכער דיאָרדע 24
בן־ציון שוחט 25
מיין פאָלק 27
אַ גאָרטן פון פרייד . . . 29
דיין נאָמען 30

גרינער נס

צפת 33
חופה 35
תל־אביב 36
סדום 37
אין די טינקעלע אַלייען . . . 38
צום ים 39
די ציפּרעסן 40
זעניט 41
אין אַזעלכע סימפאָנישע נעכט 42
בעדוויִנערנס 43
דו קאָנסט נישט 44
אַ פעלז 45
זעקס בחורים באַם ים . . . 47
די וואָלקנס אין ירושלים 49
נישט יעדן דור 50

לידער צו מיין ערד־פּלאַנעט

איר הענט פון מיין גייסט . 53
אין אַ פּאַרק אויף אַ באַנק . 54
די שוואַנען פון געדאַנק . 55
מאַמע ערד 56
מיין פאַרלאַנג — דער פּאַרוווּנ־
דיקטער אַדלער 59
ערגעץ־ווייט 62
זיגער 63
קינדער 64
קעצעלעך 65
אין אויסשטראַל פון מיטלייד . 66
די טרויבן פון גייסט . . . 67
דער מלאך פון שטילקייט . 68
גאָט 69
צו'ן אַ פידלער 70
צו'ן אַ מאָלער 71
תפילה צו ייִדיש 72

אין באַגלייט פון מיין שטערן

ליד פון צוריקוועגס 75
צו מיין פּאָרטרעט . . . 76
מיין געבוירן ווערן . . . 77

מײנע אוצרות	78
געקרױנט פון מחשבות	79
טעג מײנע	80
בלומען	81
פון אַ בריװ צו מײן שװעסטער.	82
דער שטראָם פון מײן לעבן	84
צװײ שװאַנען	85
טרעפט אַמאָל	86
װאַסערפאַלן	87
נאָכן שטורעם	88
זוניק־בלױ	89
ניו־יאָרקער הימל	
פרימאָרגן	90
אויף ניו־יאָרקס אַ בריק	91
הונדערט צװאַנציק שטאָק אַ ריז	92
פאַרנאַכט	94
באַנאַכט אין ניו־יאָרק	96
אײנער אַלײן אין אַ שיפל	97
האַרבסט	98

שיראַיאַ

װי לאַנג	101
מאַגיקע נאַכט	102
איך בין די זומער־נאַכט	103
אײדן טאָג	104
פרימאָרגן	105
אין דער שעה פון באַגינען	106
איך זאַמל טראָפּנװײז דעם האָניק	107
װען דו ביסט נישטאָ מער	108
אײדן פאַרנאַכט	109
אײנער אַלײן באַ דײן קבֿר	110
שױן לאַנג	111
דײן בריװ	112
אַ בילד	113
שיראַיאַ	114

עפר ואפר

האַרבסט	117
טיף אין די האַרבסט־נעכט	119
ליד װעגן געװײן פון געװײנען	120
דײנקמאָל	121
אין טאָג פון נצחון	122
װאָס דער באַרג דערצײלט	123
נאָכן פײַערשטורעם	130
אין טראַכט פון כאָאָס	137

שטערן־לאַנדשאַפט

מיט זילבערנע מיט טעלעסקאָפּ־טרומײטן	141
סאַטורן	142
אײנשטײן	144
אַ בריװ צו'ן אַ װײטן קרוב	145
די זונען פון מײן חלום	146
באַ דער זײט פון מילכװעג	147
געזאַנג צו מײן ערד־פּלאַנעט	150
װאַנדלער פון די רױמען	158—152